גליון
# באור החיים

יהא לאור ע"י
איחוד תלמידי וחסידי טאהש

פרשת מטות - מסעי - תשפ"ו לפ"ק | גליון תתפ"ח

הגליון בשבוע זו נתנדב
לע"נ הבחור החשוב **משה ארי'** ז"ל
בן הרה"ג ר' **עקיבא יוסף ראבינאוויטש** שליט"א מרבני בית מדרשינו מאנטריאל
יארצייט ביום ג' אב - עש"ק דברים הבעל"ט
ובזכות זה יתברך הנדבן החשוב בכל מילי דמיטב, וימלא הקב"ה כל משאלות לבו לטובה אמן סלה

## באור פני מלך
פניני עבודה על פרשת השבוע

-מטות-

### בני ישראל יש להם כח הבחירה

**וידבר משה אל ראשי המטות לבני ישראל לאמר וגו' איש כי ידור נדר לה' וגו'.**

כבר דקדק רש"י הק', למה דוקא במצוה זו כתיב "אל ראשי המטות", הלא כל המצות לימד משה תחילה לראשי המטות.

עוד יש לבאר מה שכתוב "איש" כי ידור נדר, הלא ידוע כי ישנם ארבעה שמות בדרגות בני אדם, אדם, גבר, אנוש, איש. ולמה נקט כאן השם איש דווקא.

אלא הענין בזה, כי ענין הנדרים בא ללמד לאדם שישמור את נפשו שלא ימשך אחר הנאת גופו, וכמו שפירש רש"י הק', לאסור איסר על נפשו, לאסור את המותר, היינו שהאדם יאסור על עצמו עניני היתר, לקדש עצמו במותר לו, כדי שלא ימשיך אחר הנאת גופו.

ובזה יש לרמז מה שאמר הכתוב "ראשי המטות", על פי המובא בספרי רבינו מהרי"א מ'קאמארנא זי"ע, בשם דודו הרה"ק רבי יוסף מ'זמיגראה, שפירש על הפסוק שאמר השי"ת למשה רבינו, מה זה בידך ויאמר מטה, פי' שאמר לו הקב"ה, איזה כח יש בידך ובכחך, ויאמר "מטה", שיש בידו כח הבחירה להטות לבבו לכאן ולכאן, וזהו שאמר הכתוב, וידבר משה אל "ראשי המטות" לבני ישראל, היינו שידבר לבני ישראל שיש להם כח הבחירה להטות לבבם לכאן ולכאן, ולתכלית זו הזהירם על פרשת נדרים, שיגדירו את עצמם שלא להטות לבבם אחר הנאת הגוף, אלא יכוונו בכל מעשיהם לשם שמים, ויקדשו עצמם במותר להם.

ובזה מובן למה נקט הכתוב לשון 'איש' דייקא, 'איש כי ידר נדר', כי איש מורה על כח ההנהגה והשליטה, וכמו שמצינו אצל משה רבינו ע"ה שנקרא איש, והיינו שיהיה שליט ומושל על עצמו שלא להימשך אחר הנאת גופו, לאסור איסר על נפשו, ולקדש נפשו לפני בוראו.

(דב"ק מטות)

המדור הזה נתנדב ע"י מוה"ר **הערש אלימלך עסטרייכער** הי"ו (טאהש)
לרגל שמחת הולדת בתו למזל טוב
ובזכות זה יברכהו השי"ת שיזכה לרוות רב תענוג ונחת מכל יוצ"ח לאורך ימים ושנים טובים אמן

-מסעי-

### הקב"ה מתנהג עם האדם כמו שהאדם מתנהג

**ואם לא תורישו את יושבי הארץ מפניכם והיה אשר תותירו מהם לשכים בעיניכם ולצנינם בצדיכם.**

יבואר על פי מה דהוה מרגלא בפומיה דהבעש"ט הק' פירוש הפסוק (תהלים קכ"א ה') "ה' צלך", שהקב"ה הוא צל שלך, כמו שבצל רואים כל התנועות אשר האדם עושה, כן הקב"ה מתנהג עם האדם כמו שהאדם מתנהג, וכלשון הנאמר בזוה"ק (ח"ג לא:) באתערותא דלתתא איתער עובדא דלעילא.

וזהו שאמר הכתוב כאן, "ואם לא תורישו את יושבי הארץ מפניכם", יושבי הארץ הם ז' מלכי כנען, שהם שורשי הז' מדות רעות, ואמר הכתוב, אם לא תגרשו את המדות הרעות מקרבכם, "והיה אשר תותירו מהם", היינו המדות רעות אשר תותירו בלבבכם, "יהיו לשכים בעיניכם ולצנינם בצדיכם",

המשך בע' ב

# שביבי אש

קורצע טרעפליכע טייטשן מתורתו
של כ"ק מרן רבינו הקדוש זיעוכ"י

**ושבתי בבית ה', אז מען לערנט די הייליגע תורה, לאורך ימים, איז מען זוכה צו א ברכה אין די צייט, און אריכות ימים.**

(שיה"ק ח"ג ש"פ)

# דער הייליגער רבי זאגט

ילקוט אמרים מכ"ק רביה"ק זי"ע מלוקט מספרי דבי רב - באדיש

המדוד הזה נתנדב ע"י מו"ה"ר יוסף אלימלך מאידוביץ הי"ו (בארא פארק)
מנכ"ל התלמוד תורה עבודת משולם פייש בארא פארק
לרגל שמחת הולדת בנו למזל טוב
ובזכות זה יברכהו השי"ת שיזכה לרוות רב תענוג ונחת מכל יוצ"ח לאורך ימים ושנים טובים אמן

## א צדיק וואס עס איז שוין בטל ביי אים די תאות עוה"ז קען זיך הייבן בגדלות

**ויסעו ממדבר סיני ויחנו בקברות התאוה.**

קען מען מרמז זיין אין דעם, די ווערטער פונעם הייליגן ספר נתיב מצותיך, אז א צדיק וואס איז שוין נסנתה געווארן מיט אסאך נסיונות, און ער איז שוין שטארק נזדכך געווארן, און עס איז שוין בטל געווארן פון אים די תאות עוה"ז, קען ער זיך שוין פירן מיט הרחבה און גדלות.

אזוי ווי מען האט געזעהן ביים הייליגן מעזריטש'ער מגיד זי"ע, אז זיינע מלבושים זענען געווען מלבושי מלכות, און זיינע סעודות זענען געווען אנגעגרייט פאר אים יעדן טאג כיד המלך, און ער האט נישט הנאה געהאט פון דעם נאר כראות עיניו, ווייל א צדיק וואס איז שוין בטל געווארן פון אים די תאות עוה"ז, קומט נישט פון דעם צו קיין גבורת הלב, און אפי' ווען ער איז אנגעטון מיט מלבושי מלכות, און בגדים לבנים, איז ער בטל ביי זיך אינגאנצן, ווייל ער איז מכיר שטענדיג אז עס איז נישט דא קיין שום מציאות חוץ דעם אייבערשטן, און אלעס וואס ער האט איז שייך פארן אייבערשטן, און אלעס וואס ער האט זוכה געווען צו משיג זיין קומט נאר פונעם אייבערשטן שחלק מחכמתו ליראיו.

אזוי אויך איז געווען א מעשה ווען דער הייליגער רבי פון לובלין איז נסתלק געווארן, זענען זיך די תלמידים צוזאם געקומען צו זיכן א עצה ווער עס זאל זיי ווייזן די וועג אויף ווייטער, צווישן די תלמידים איז געווען דער הייליגער ראפשיצער רבי זי"ע און דער הייליגער עטרת צבי זי"ע, האט דער עטרת צבי געזאגט, "וואס פעלט אייך דען ביי אונז", צו אים מקבל זיין אלץ רבי, און דער עטרת צבי האט דעמאלטס אויסגערעכנט זיינע מדריגות און השגות העכער צוויי שעה.

נאך די אסיפה האט דער הייליגער ראפשיצער רבי געזאגט אויף דעם, "ער האט נאך קיינמאל נישט געזעהן אזא שפלות אזוי ווי ער האט געזעהן ביים עטרת צבי אין די צוויי שעה וואס ער האט אויסגערעכנט זיינע מדריגות", ווייל די צדיקים ווען זיי האבן זיך געפירט מיט גדלות און גערעדט פון זייערע מדריגות האט דאס בכלל נישט תופס מקום געווען ביי זיי, ווייל זיי זענען שטענדיג געווען בטל צום אייבערשטן, און זיי האבן אלץ משיג געווען אז עס איז נישט דא קיין שום מציאות אויסער דעם אייבערשטן.

דאס איז מרומז דא אין פסוק "ויסעו ממדבר סיני ויחנו בקברות התאוה", "מדבר סיני" איז מרומז אויף שפלות כידוע, זאגט דער פסוק ווער קען זיך אוועקציען פון די בחינה פון מדבר סיני, און זיך פירן בהרחבה ובגדלות, "ויחנו בקברות התאוה", דער וואס האט זוכה געווען צו באגראבן די תאוות, און מבטל זיין די רוח התאוה פון אים, פאר אים איז מותר זיך צו אוועקקערן פון די דרך השפלות, און דאס איז געווען די מדריגה פון די צדיקים הק'.

יהי רצון אז אונז זאלן זוכה זיין צו זיך מקשר זיין צו זיי, און משפיע זיין שפע טובה וברכה בזכותם. אכי"ר.

(עבודת עבודה פתג"ק)

המשך מע' א

שתגרמו בזה רעה לעצמכם, כי תעוררו בזה דין על עצמכם, כי כמו שאתם מתנהגים במדותיכם, כן הקב"ה מתנהג עמכם, כי כשאתה רחום וחנון, גם הקב"ה מתנהג עמך במדת רחום וחנון.

(פתג"ק מסעי)

# א תורה אויף די פרשה

## -מטות-

### פרשת מטות

עס ווערט געברענגט א טעם אין די ספרים הק' פארוואס מ'לייענט די פרשיות מטות מסעי אין די וואכן פון 'בין המצרים', וויבאלד אין די פרשיות ווערן דערציילט די חלוקת הארץ, און מיט דעם וויל מען טרייסטן די אידישע קינדער אז בקרוב וועלן מיר שוין זוכה זיין צו 'לאלה תחלק הארץ', בב"א.

*

### לא יחל דברו ככל היוצא מפיו יעשה.

עס קען דא זיין א רמז אין פסוק, אז דער וואס היט אפ זיינע דיבורים צו זיין נאר אמת'דיג, איז 'ככל היוצא מפיו יעשה', וועט דער אייבישטער ממלא זיין אלע דיבורים וואס עס גייט ארויס פון זיין מויל, און זיינע ברכות ווערן מקוים.

(הרה"ק רבי ישראל מקאזניץ זי"ע)

## -מסעי-

### ויסעו מחרדה ויחנו במקהלות.

מען קען זאגן פשט אין פסוק לויט ווי די חז"ל זאגן, בזמן שישראל באגודה אחת אין כל אומה ולשון יכולין לשלוט בהם.

דאס זאגט דער פסוק, 'ויסעו מחרדה', ווי אזוי קען מען אוועק ציען פון די שרעק, אז מען זאל פון קיינעם נישט דארפן מורא האבן, דאס איז דורך, 'ויחנו במקהלות', אז מען טוט רוען צוזאמען באחדות.

(הרה"ק רבי בונם מפרשיסחא זי"ע)

### את שש ערי מקלט אשר תתנו לנוס שמה הרוצח ועליהם תתנו ארבעים ושתים עיר.

# א ווארט צום שבת טיש

געקליבענע תורות און מעשיות נאכצואגן ביים שבת טיש

די זעקס ערי מקלט זענען אקעגן די זעקס ווערטער פונעם פסוק 'שמע ישראל ה' אלוקינו ה' אחד' - זאגט דער פסוק אז 'אליהם תתנו ארבעים ושתים עיר"', אויסער די זעקס שטעט פון ערי מקלט זאל מען נאך געבן פאר די לוים צוויי און פערציג שטעט, אינאיינעם איז אכט און פערציג שטעט, דאס איז אקעגן די אכט און פערציג ווערטער וואס איז פארהאן אין דער פרשה ואהבת ביז ובשעריך.

אט דער פסוק שמע ישראל, און די פרשה ואהבת זענען די ערי מקלט, וואו יעדער איד קען זיך באהאלטן און באשיצן, אפילו ער האט עפעס שלעכטס געטון, דורך קבלת עול מלכות שמים, און אהבת ה', ווערט יעדע איד ניצול פון די מקטריגים וועלכע יאגן אים נאך.

(הרה"ק רבי אברהם יהושע העשיל מאפטא זי"ע)

# א מעשה אויף די פרשה

### מטות מסעי

הרה"ק מ'פשעווארסק זצ"ל שרייבט אין א בריוו (כתבי קודש ח"ב קל"א) אן אינטערסאנט ווערטל ווי פאלגענד: רבי'שע אייניקלעך האבן זיך אמאל געטשעפעט מיט א בדחן, האט זיי דער בדחן געזאגט, "צו ווייסט איר פארוואס מטות גייט נאר צוזאמען מיט מסעי און נישט מיט פנחס? ווייל מ'האט פאר מתתי' (מטות) אנגעטראגן צוויי שידוכים, א שלעפער און א רבי'שע אייניקל, האט מתתי' ענדערש אויסגעוועלט מסע" (מלשון משא, א שלעפער) ווי פנחס וואס איז געווען א רבי'ש אייניקל פון אהרן הכהן" ע"כ, ומי יעמוד בסוד קדושים.

*

### אשה יקימנו ואשה יפירנו

דער הייליגער רוזשינער זי"ע איז אלס קליין קינד פאר'יתומ'ט געווארן פון זיין טאטן, און איז דעריבער אויפגעוואקסן ביי זיין גרעסערן ברודער ר' אברהם מ'פראבישטש זצ"ל. איינמאל האט פאסירט אז ס'איז אים ארויסגעוואקסן בלאטערן אויף זיין הייליגע גוף, ר' אברהם האט זיך דאן געווענדן צו זיין פרוי, און געזאגט אז ער גיט איר אוועק פון זיין עולם הבא, נאר זי זאל זעהן אז די קרעץ און בלאטערן וואס שמערצן אזוי שטארק זיין קליינעם ברודער זאל זיך אויסהיילן. די פרוי האט זיך אפגעגעבן און פרובירט מיט אלע מיטלען אז די בלאטערן זאלן אוועקגיין.

איינמאל האט זי אריינגעקוקט דורכ'ן שפאלט אין זיין צימער, און באמערקט ווי דער קליינער ישראל'יקל נעמט קופערנע מטבעות, און האלט עס איבער'ן פייער. ווען ס'איז שוין געווען שטארק רויט, לייגט ער דאס ארויף אויף זיין גוף וואס דאס איז גורם אז די בלאטערן זאלן זיך צוריק אויפבלאזן. איז זי געלאפן גלייך צו איר מאן, וועלכער איז געקומען פארהאלטן זיין קליינעם ברודער פארוואס ער טוט דאס, האט אים ישראל געענטפערט, אז מיט דעם טוה איך אויפקלערן דעם יצר הרע וואס קומט מיך איבעררעדן צו טון שלעכטע מעשים, אז דער גוף איז גארנישט, א ביסל הייץ קען ער נישט פארנעמען, און אזוי דריי איך זיך ארויס פונעם יצר הרע.

מיט דעם האט ער געטייטשט, 'אשה' (א"ש) 'יפירנו', מיט דעם פייער וואס איך בריה זיך אפ, צושטער איך די ווערטער פונעם יצר הרע, און ער האט נישט קיין שליטה אויף מיר.

# דברות קודש

## שזכינו לשמוע מכ"ק מרן רבינו עט"ר שליט"א
ריש מתיבתא קדישא

# אצל מעמד מרומם "הנחת אבן הפינה"

## של בנין הגדול המפואר של ישיבתינו הק'
## "ישיבה גדולה תורת משולם פייש ד'טאהש" - ניו יארק

ערב שב"ק פר' בהעלותך אצל השבת לפני הילולא קדישא של רבינו השרף זי"ע

אודה ה' מאוד בפי ובתוך רבים אהללנו, מען דארף געבן א שבח והודאה פאר'ן אייבערשטן, מען זיצט מיר דא אלע צוזאמען, אין אזא גרויסע זמן, ערב שבת קודש, א זמן ווען מען איז זוכה ב"ה, אז מ'גייט היינט שטעלן א אבן הפינה פאר'ן בית מקדש מעט, טו איך לויבן דעם אייבערשטן בפי, בתוך רבים צווישן דעם רבים, רבים מיינט אויך די גרויסע, ווער זענען די גרויסע, די אבות הקדושים, דער עלטער זיידע, דער זיידע, די אבות הקדושים, רבינו הקדוש זי"ע.

רבים איז אויך טייטש די אידן וואס זענען זיך משתתף, זיי האבן זיך משתתף געווען אויפצושטעלן דעם מקום המקדש, די בחורים זיי האבן זיך צוגעשטעלט צו דעם, זיי האבן געזעהן אז עס זאל ווערן טאקע א מקום המקדש, ברוך שהחיינו וקימנו והגיענו לזמן הזה, טו איך געבן א שבח והודאה פאר'ן אייבערשטן אז מען איז אנגעקומען צו דעם זמן.

עס שטייט אין חכז"ל (שבת דף ל) ווען שלמה המלך האט אויפגעבויט דעם בית המקדש, האט ער געוואלט אריינברענגען דעם ארון אין קדשי קדשים, דבקו שערים זה בזה, אמר שלמה עשרים וארבעה רננות, ולא נענה, פתח ואמר שאו שערים ראשיכם והנשאו פתחי עולם ויבא מלך הכבוד, רהטו בתריה למיבלעיה, אמר מי זה מלך הכבוד, האבן זיי געמיינט ער מיינט זיך, האט שלמה המלך געענטפערט ה' עזוז וגבור ה' גבור מלחמה.

חזר ואמר, האט שלמה המלך נאכאמאל געזאגט, שאו שערים ראשיכם עפנטס ענק די טויערן ושאו פתחי עולם ויבא מלך הכבוד האבן זיי שוין פארשטאנען אז ער מיינט דעם אייבערשטן, מי זה מלך הכבוד, האבן זיי נאכאמאל געפרעגט, זיי האבן נאכאמאל געוואלט קלאר מאכן, האט ער געזאגט ה' צבאות הוא מלך הכבוד סלה, ולא נענה.

כיון שאמר הפסוק ה' אלקים אל תשב פני משיחך, זכרה לחסדי דוד עבדך, מיד נענה, די ספרים הקדושים זענען מסביר די גמרא זאגט אמר רבה בר רב הונא, כל אדם שיש בו תורה ואין בו יראת שמים דומה לגזבר שמסרו לו מפתחות הפנימיות, מפתחות החיצונות לא מסרו לו, בהאי עייל.

ווי דאס לשון פון רש"י איז, אם יראת שמים הוא נעשה חרד לשמור ולעשות, ואם לאו אינו חש לתורתו. די ערשטע זאך איז יראת שמים, ראשית חכמה, פאר די הייליגע תורה, די ערשטע זאך איז יראת השם, די ערשטע זאך דארף מען האבן יראת שמים, שלמה המלך האט געזעהן אז עס עפנט זיך נישט צוויי מאל, האט ער געזאגט שאו שערים ראשיכם, שערים מיינט צוויי שערים איך האב די טויער פון די יראת שמים, און די טויער פון די תורה, ער האט געזאגט די צווייטע מאל האט ער פארשטאנען, פון דעסט וועגן האט זיך עס נאכאלץ נישט געעפנט, פארוואס? עס האט געוויזן אז טאקע ער ווייסט אז ער דארף האבן יראת שמים, יראת שמים מיט די תורה, די צוויי שערים, וואס דאס האט ער אריינגעגעבן יראת שמים, אריינגעבן תורה, און עס האט זיך נאכאלס נישט געעפנט, ער האט געזען אז עס עפנט זיך נישט, האט ער געבעטן בעבור דוד עבדיך אל תשב פני משיחך, אלץ די כבוד פון מיין טאטע, און עס האט זיך עס געעפנט.

מ'האט געדארפט זיכער מאכן די טויער פאר די תורה, ווייזט אויף יראה, די ארון זאל קענען האבן א פלאץ, דארף מען עפענען די טויערן פון יראת שמים, זיכער מאכן אז ער מיינט דעם אייבערשטן, די ערשטע זאך האט שלמה המלך געזען אז

אפילו נאכן בעטן אויף יראת שמים, און די זכות אבות קען מען צו גארנישט צוקומען, אלעס נאר אין די כח פון די אבות הקדושים.

טייערע אידן שלמה המלך איז געווען דער חכם מכל האדם, אז ער האט דאס געוואלט טון, ער האט געוואלט אריינברענגען דעם ארון אין בית המקדש, וואס אונז ווייס מיר דאך, כי מציון תצא תורה ודבר ה' מירושלים, די תורה דארף ארויסגיין פון בית המקדש, פון ירושלים, און פון דארט האט דאס ארויפגעשיינט אויף די גאנצע וועלט, טאמער איז נישט געווען קיין יראת שמים האט מען נישט געקענט, עס האט געדארפט זיין די ערשטע זאך יראת שמים.

אפילו נאכדעם האט מען אויך געדארפט צוקומען צום, זכרה לחסדי דוד עבדך, ער האט געדארפט אנקומען צום זכות פון זיין טאטע דוד המלך.

אויב שלמה המלך האט געדארפט ארויסברענגען דעם זכות פון דוד המלך, וואס זאל איך זאגן, וואס קענען אונז זאגן, אונז זענען אלע תלמידים פון רביה"ק, כל המלמד את בן חבירו תורה כאילו ילדו, דארף מען אין זאך וויסן און געדענקן, דעם זכרה לחסדי דוד עבדך, דעם דוד המלך וואס ער האט געטון פאר'ן אייבערשטן, ער האט אים געליבט, ער האט געוויזן פאר די גאנצע וועלט ווי אזוי מען דארף ליבן דעם אייבערשטן, ער האט געבעטן פונעם אייבערשטן, און דער אייבערשטער האט אים טאקע אלעס געגעבן, האט ער געוואוסט אז קודם דארף ער ליבן, קודם דארף מען דאנקן, און נאכדעם קען ער בעטן.

די ישיבה טראגט די נאמען פון רביה"ק, תורת משולם פייש, בחייו האט ער געליבט דעם אייבערשטן, ער האט געוויזן פאר די גאנצע וועלט, אז עס איז דא א באשעפער אויף די וועלט, מען קומט זיך יעצט צוזאם, מען בויט אויף א מקום המקדש צו לערנען תורה פארן אייבערשטענס וועגן, ולשמו ולזכרו, זכרה לחסדי דוד עבדך, פארן כבוד פון אונזער הייליגן טאטן, פארן כבוד פון אונזער הייליגען רבי, כל המלמד את בן חבירו כאילו ילדו, עפענען זיך די טויערן, והנשאו פתחי עולם ויבא מלך הכבוד, מי זה מלך הכבוד ה' צבאות הוא מלך הכבוד סלה.

רביה"ק האט אונז געלערנט אז מען גייט מיט'ן אייבערשטן, און מען האט יראת שמים, קען מען צוקומען צו די תורה, ברוך שנתן תורה לעמו ישראל בקדושתו.

בחורים זיצן דא ב"ה באהלה של תורה, די ישיבה קטנה, און די ישיבה גדולה, ברוך השם, ישיבה גדולה איז נאך אביסל שווער זיי זענען דא אויך שבתים, עס איז דא אביסל ווייניגער בחורים, אבער מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף וועט זיך עס פארמערן.

ווי גרויס איז די זכות, ווי גרויס וועט זיין די שכר, אז מיר האבן די זכות אז מען לערנט תורה מיט יראת שמים, כי מציון תצא תורה, עס קומט ארויס תורה פון די פלאץ דא, א הייליגע פלאץ, ס'איז אפגעטיילט פון די גאנצע וועלט, מען שטעלט יעצט אויף א ספעציעלע בית מקדש מעט וואו די שכינה זאל קענען רוען, און דער צדיק זאל זיך קענען שטאלצירן מיט אונז.

זאל דער אייבערשטער העלפן, עס זאל זיין טאקע, אודה ה' מאוד בפי ובתוך רבים, די אבות הקדושים, די רבים די גרויסע, זאלן קומען מיט אונז און מיר זאלן אלע קענען ליבן צוזאמען דעם אייבערשטן, וועלן מיר זעהן די פירות דערפון, ביז אונז וועלן אלע זוכה זיין טאקע צום בנין בית המקדש בביאת גואל צדק ובא לציון גואל במהרה בימינו אמן.



# ביאור הלכה

הלכות וביאורים מתוך ספרי בית נאמן בישראל
אשר עדיין לא ראו אור הדפוס
מאת הגאון הגדול דומ"ץ קריתינו הק' שליט"א

# הלכות פון די ניין טעג

## באנייען קליידער

### א

### שאלה: מעג מען קויפן, אדער באנייען, א נייע בגד אין די ניין טעג?

**תשובה:** מען טאר נישט באנייען אין די ניין טעג קיין שום נייע בגד, אויך טאר מען נישט קויפן א נייע בגד, אפילו ווען מען פלאנט דאס אנצוטאן נאך תשעה באב.

אויך פאר א גאנץ קליין קינד טאר מען נישט קויפן א נייע בגד, וויבאלד דאס קויפן אליין איז א שמחה, אויסער אויב די קינד האט נישט גענוג וואס אנצוטון, וואס דעמאלטס מעג מען קויפן די וועש וואס פעלט אויס.

**באמערקונג**

אויך טאר מען נישט געבן א מתנה, א נייע בגד פאר א קינד וואס איז געבוירן געווארן. אויב איינער האט געגעבן א מתנה, דארף מען עס נישט צוריק געבן, אבער מען זאל דאס נישט נוצן אין די ניין טעג, נאר ווען עס פעלט אויס.

### ב

### שאלה: אויב עס האט זיך צוריסן א בגד, און מען קען מער נישט גיין מיט דעם, מעג מען באנייען א נייע?

**תשובה:** ווען א בגד האט זיך צוריסן א.ד.ג., און מען האט נישט קיין אנדערע, און מען קען עס נישט פארעכטן, מעג מען קויפן א נייע און עס אנטאן, נאר פארן אנטאן זאל מען דאס אביסל צוטרעטן אויף די ערד, כדי דאס זאל נישט זיין אינגאנצן ניי.

### ג

### שאלה: מעג מען קויפן א בגד ווען עס איז דא א אויספארקויף - סעי"ל, און מען וועט דאס אנטאן נאך די ניין טעג?

**תשובה:** עס זענען וואס זענען מתיר צו קויפן וועש ביי א אויספארקויף סעי"ל, נאר ווען עס איז שטארק ביליג, און אויב מען וועט דאס נישט קויפן יעצט, וועט דאס קאסטן נאך די ניין טעג אסאך טייערער, און עס איז דא ווער עס איז מחמיר, דעריבער אזא בגד וואס ברענגט שמחה זאל מען ענדערש מחמיר זיין, אבער סתם קליידער וואס זענען נישט אזוי חשוב, קען מען מקיל זיין, און דאס אנטאן נאך די ניין טעג.

### ד

### שאלה: איינער וואס האט חתונה נאך די ניין טעג, מעג איינקויפן נייע בגדים?

**תשובה:** אויב מען האט חתונה נאך די ניין טעג, און אויב מען וועט נישט איינקויפן די קליידער אין די ניין טעג, וועט מען נישט האבן גענוג צייט איינצוקויפן נאכדעם, מעג מען איינקויפן די קליידער אין די ניין טעג, אבער לכתחלה דארף מען זיין פארזיכטיג איינצוקויפן פריער.

### ה

### שאלה: מעג מען באנייען אדער קויפן נייע שיך - שטרימפ - פאפאטשן - סניקער?

**תשובה:** מען טאר נישט קויפן, אדער באנייען, נייע שיך, און שטרימפ, אזוי אויך נייע סניקערס. אבער שיך בענדלעך מעג מען קויפן, און באנייען.

**באמערקונג**

לכתחלה דארף מען קויפן די פאפאטשן - סניקערס אויף תשעה באב פאר די ניין טעג, אויב מען האט נישט געקויפט, און מען האט נישט אנדערע, מעג מען קויפן נייע אויף תשעה באב, אבער מען זאל נישט קויפן א טייערע וואס דער סדר איז צו נוצן אויך א גאנץ יאר.

### ו

### שאלה: מעג מען קויפן אין די ניין טעג, נייע ברילן, לענסעס?

**תשובה:** אויב עס פאדערט זיך, מעג מען קויפן ברילן און לענסעס אין די ניין טעג, דאס זעלבע איז מיט זון ברילן, ווען עס פעלט אויס פאר די אויגן.

**באמערקונג**

איינער וואס האט ברילן, זאל נישט קויפן נייע, נאר וועגן שיינקייט א.ד.ג., נאר אויב עס פאדערט זיך צו טוישן פאר די געזונט פון די אויגן.

### ז

### שאלה: מעג מען באנייען נייע כלים, אדער אנדערע שטוב זאכן?

**תשובה:** מען מעג קויפן נייע כלים וואס מען דארף האבן צום נוצן אין שטוב, ווי טעלערס, עסצייג, טעפ, און אלע ערליי שטוב זאכן א.ד.ג., וויבאלד זיי ברענגען נישט קיין שטארקע שמחה.

אבער אזעלכע כלים וואס ברענגען שמחה, ווי למשל א נייע סטאוו, פרידשזידער, מיקסער, פירהאנג, ווענישן בליינד, אויסגענייטע בילדער אויף די וואנט (גאבליי"ן) א.ד.ג., דארף מען זיך מונע זיין צו קויפן, אויסער זאכן וואס מען דארף האבן וויכטיג פאר דיווירטשאפט פון שטוב, ווי למשל א פרידשזידער, א סטאוו צום קאכן, אדער א וואש מאשין, דרייער, א.ד.ג.

## עירקאנדישן

ג. מען איז מחמיר נישט צו קויפן א נייע עירקאנדישן אין די ניין טעג אויב עס איז פאר די באקוועמליכקייט, אבער ווען עס פאדערט זיך שטארק וועגן די גרויסע היצן קען מען מקיל זיין.

### ח

### שאלה: מעג מען געבן א מתנה פאר א ניי געבוירן קינד, אדער א בר מצוה בחור, אדער פאר חתן כלה א.ד.ג.?

**תשובה:** מען מעג געבן א פשוט'ע מתנה אין די ניין טעג, ווי לכבוד א בר מצוה, אדער חתן כלה, א.ד.ג., בתנאי' אז עס נישט קיין טייערע זאך וואס ברענגט שמחה, ווי

זילבערנע כלים, לייכטער, בעכער א.ד.ג., און נישט קיין בגדים.

* דער בוטשאטשער רב זצ"ל שרייבט, איינער האט מיר געגעבן אין די ניין טעג א מתנה צוויי זילבערנע לייכטער, און איך האב געהייסן אז מען זאל דאס באהאלטן ביז נאך תשעה באב (ספר ברכת אברהם, בוטשאטש, עמוד ה').

## ט
## שאלה: מעג מען קויפן נייע מעבל פאר די שטוב, אדער פאר א אפיס א.ד.ג.?

**תשובה:** לכתחלה זאל מען נישט קויפן קיין שום מעבל, אבער אויב עס פאדערט זיך, קען מען מקיל זיין, ווי למשל א טיש און בענקלעך צום עסן, אדער בעטן צום שלאפן, און א שאפע צו האלטן זאכן, א.ד.ג.

אבער מען טאר נישט קויפן מעבל פאר שיינקייט, ווי א דייניג רום סעט, אדער פאר באקוועמליכקייט, ווי א קאוטש, ריקליינער, א.ד.ג., וויבאלד דאס ברענגט שמחה.

**באמערקונג**

אפילו מען האט שוין געקויפט מעבל פאר די ניין טעג, זאל מען דאס נישט אריין ברענגען אין הויז אין די טעג.

### אויסוועלן מעבל

אויך איז נישט גלייך זיך אומצוקוקן אין א מעבל געשעפט, כדי צו וויסן וואס צו קויפן נאך די ניין טעג.

## י
## שאלה: מעג מען קויפן מעבל פאר קליינע קינדער, אדער פאר א ניי געבוירן קינד?

**תשובה:** אויך פאר קליינע קינדער טאר מען נישט קויפן נייע מעבל פאר באקוועמליכקייט, אדער שיינקייט א.ד.ג., אויסער ווען עס פאדערט זיך פארן קינד, ווי למשל א נייע קינדער בעטל, קערידזש, א.ד.ג., וואס דעמאלטס קען מען מקיל זיין.

**באמערקונג**

פאר א ניי געבוירן קינד וואס האט נאך נישט קיין מעבל, מעג מען קויפן די מעבל וואס עס פעלט אויס פארן קינד, אבער די מעבל וואס עס פעלט נישט אזוי אויס דעמאלטס, זאל מען קויפן נאך די ניין טעג.

## יא
## שאלה: מעג מען קויפן אדער דינגען א נייע דירה?

**תשובה:** מען איז מחמיר נישט צו קויפן א הויז אין די ניין טעג, וויבאלד עס ברענגט גרויס שמחה.

אויב די יעצטיגע דירה איז ענג, און עס פאדערט זיך צום וואוינען, קען מען מקיל זיין.

אבער מיר האבן שוין געשריבן, אז די פוסקים שרייבן אז מען פירט זיך אז מען ציט זיך נישט אריין אין א נייע דירה אין דריי וואכן, ווייל עס איז נישט קיין גוטע מזל.

## יב
## שאלה: מעג מען קויפן אדער דינגען א נייע קאר - טראק?

**תשובה:** מען טאר נישט קויפן א נייע קאר, אדער א ווען, א.ד.ג., פאר באקוועמליכקייט, אבער אויב מען קויפט דאס פאר פרנסה א.ד.ג. קען מען מקיל זיין.

אבער דינגען א קאר (ליעסן בלע"ז) מעג מען יא, וויבאלד דאס איז נישט קיין אייגענע קאר.

## יג
## שאלה: מעג מען קויפן חפצים ווען עס איז דא א אויספארקרויף - סעי"ל?

**תשובה:** ווען עס איז דא אן אויספארקויף אין די ניין טעג פאר זייער ביליגע פרייזן, און שפעטער וועט דאס מער נישט זיין פאר די פרייז, מעג מען קויפן אפילו אזעלכע זאכן וואס מען דארף נישט אין די ניין טעג, פארשטייט זיך אז מען וועט דאס נישט מעגן נוצן אין די ניין טעג.

אזוי אויך ווען מען געפונט זיך אין די ניין טעג אויף אזא פלאץ ווי מען קען קויפן א געוויסע זאך, און נאך די ניין טעג וועט מען דאס מער נישט קענען קויפן, אדער אויב עס איז א גרויסע הוצאה צוריק צו פארן דאס צו קויפן נאך די ניין טעג, קען מען מקיל זיין.

## יד
## שאלה: מעג מען קויפן תשמישי מצוה ותשמישי קדושה, ווי למשל, א טלית, תפילין, מזוזות, ספרים א.ד.ג.?

### טלית

**תשובה:** מען טאר נישט באנייען א טלית גדול, אדער א טלית קטן אין די ניין טעג, אויסער אויב מען האט נישט קיין אנדערע און מען קען נישט בארגן פון א צווייטן, קען מען מקיל זיין.

אבער ארויפקניפן ציצית מעג מען אפילו אויף א נייע, סיי אויף א טלית קטן, און סיי אויף א טלית גדול, און כל שכן אויף א אלטע.

### תפילין - רצועות

מען מעג קויפן, אדער באנייען נייע תפילין, און אוודאי אז מען מעג טוישן, אדער פארבן די רצועות, אבער א תפילין בייטל זאל מען נישט באנייען נאר ווען עס פעלט אויס.

### לייגן מזוזות

מען מעג קויפן נייע מזוזות, און פשוט'ע שיידעלעך, און זיי ארויפלייגן.

### ספרים

מען מעג קויפן ספרים צום לערנען, א ספרים שאפע מעג מען נאר ווען עס פעלט אויס פאר די ספרים, און נאר א פשוט'ע.

אויך מעג מען בינדן ספרים, אפילו ווען מען בינדט עס מיט א שיינעם באנד.

## יהי רצון שיתהפכו ימים אלו לששון ולשמחה.

# פתיחת כלים בשבת

כו יתברר האיך לפתוח בשבת כל מין כלי כדרכו ואופנו
נכתב ע"י הרה"ג ר' **נתן ירמי' גאלדשטיין** שליט"א בעל מח"ס מגדנות נתן

המשך משבוע העבר

**עצה ב:** מען זאל אויפשניידן רוב פון די באקס, פון אויבן און פון די זייט, און דעמאלטס דארף מען נישט אוועקווארפן די באקס, נאר מען קען דארט לאזן די מצות.

אויב די מצות ליגן אין א פלעסטיק, זאל מען די פלעסטיק בעג אויך צושניידן אויף דעם זעלבן וועג, דאס הייסט אז מען זאל אויפשניידן רוב פון די בעג, פון אויבן און פון די זייט.

**אויב די באקס איז נישט געמאכט צו עפענען דארט וואו עס איז פארקלעבט**, נאר עס האט אן אנגעצייכנטע שטיקל וואס מען רייסט דארט אויף, און אזוי עפענט מען די באקס, מעג מען עס עפענען אום שבת ביי די אנגעצייכנטע פלאץ (אויב עס איז נישטא דארט קיין אותיות אדער בילדער), נאר מען זאל גלייך ארויסנעמען אלע מצות פון די באקס, און אוועקווארפן די באקס.

## סעיף ד

### עפענען א באקס קאצקע צוקער.

מען טאר נישט עפענען א באקס קאצקע צוקער אויף דעם פלאץ וואו עס איז אנגעצייכנט צו עפענען (צוליב די איסור פון מאכן א פתח).





[בילד 1]

**עצה א:** מען זאל מאכן א לאך אויף אן אנדערן פלאץ (נישט וואו עס איז אנגעצייכנט), און ארויס נעמען אלע צוקער און זיי אריינלייגן אין אן אנדערע באקס אדער בעג, און מען זאל אוועקווארפן די באקס.[1]

**עצה ב:** (א גרינגערע עצה אז ער זאל נישט דארפן ארויסנעמען אלע צוקער) מען זאל מאכן א לאך אויף אן אנדערן פלאץ (נישט וואו עס איז אנגעצייכנט), און ארויסנעמען אויפאיינמאל וויפיל צוקער מען דארף פאר שבת, און מען זאל מער נישט נוצן דעם לאך, און נאך שבת זאל מען עס עפענען ביי די אנגעצייכנטע עפענונג.

1 ווייל ביי אן עפענונג וואס מען נוצט נאר איינמאל איז נישט דא קיין איסור פון מאכן א "פתח" (זעה פרק ג' סעיף ג').

**עצה ג:** מען זאל צושניידן רוב פון די באקס פון אויבן און פון די זייט, און דעמאלטס קען מען דארט לאזן אלע צוקער.

## סעיף ה

### עפענען א באקס סיריעל וכדומה.

מען טאר עס נישט עפענען פון אויבן וואו עס איז פארקלעבט (צוליב די איסור פון קורע).





[בילד 2]

**עצה א:** מען זאל אויפשניידן די באקס פון אויבן, אדער פון די זייט, און מען זאל ארויסנעמען די בעג סיריעל פון די באקס און מען זאל אוועקווארפן די באקס. אויך די בעג זאל מען עפענען פון די זייט (נישט דארט וואו עס איז פארקלעבט), און מען זאל איבערגיסן די סיריעל אין א צווייטע בעג, און מען זאל אוועקווארפן די בעג.[2]

**עצה ב:** (א גרינגערע עצה אז ער זאל נישט דארפן ארויסגיסן די גאנצע סיריעל און אוועקווארפן די באקס מיט די בעג) מען זאל מאכן א לאך אין די זייט פון די באקס, און אויך די זייט פון די בעג, און מען זאל פון דארט ארויסגיסן וויפיל מען דארף פאר שבת (און מען זאל מער נישט נוצן די לעכער), און נאך שבת זאל מען עפענען סיי די באקס און סיי די בעג אויף די געהעריגע פלאץ.

**עס איז דא א סארט קליינע באקס סיריעל, וואס האט א סימן פון די זייט**, וואס דארט קוועטשט מען אריין די באקס, און די באקס רייסט זיך אויף ביי די פלאץ וואס איז אנגעצייכנט און עס ווערט דארט א לאך, איז דער דין אז מען טאר נישט עפענען די באקס ביי די אנגעצייכנטע פלאץ (צוליב די איסור פון מאכן א פתח).

**די עצה:** מען זאל מאכן א לאך אין די באקס (נישט ביי די אנגעצייכנטע פלאץ), און מען זאל גלייך ארויסגיסן די גאנצע סיריעל, און אוועקווארפן די באקס.[3]

2 ווייל ביי אן עפענונג וואס מען נוצט נאר איינמאל איז נישט דא קיין איסור פון מאכן א "פתח" (זעה פרק ג' סעיף ג').

3 ווייל ביי אן עפענונג וואס מען נוצט נאר איינמאל איז נישט דא קיין איסור פון מאכן א "פתח" (זעה פרק ג' סעיף ג').

## מאור התורה

ציצים ופרחים על עניני הפרשה

### ויסעו ויחנו

דער הייליגע אפטא רב זי"ע האט געזאגט, אז עס שטייט אין מדרש (ויק"ר י"ג ג') לעתיד לבוא תורה חדשה תצא, לכאורה איז דאס שווער צו פארשטיין, ווייל איינע פון די י"ג עיקרים זענען דאך אז זאת התורה לא תהא מוחלפת ולא תהא תורה אחרת.

נאר וואס דען, היינטיגע צייטן האט מען א תורה וואס דארט שטייט אלע מעשיות פון די אבות הקדושים, זייערע גליות'ן און זייערע נסיעות, און פון דעם לערנט מען זיך ארויס ווי אזוי זיך צו פירן. אבער לעתיד לבוא וועט צוקומען צו די תורה הקדושה מעשיות פון די שפעטערע צדיקים, למשל עס וועט שטיין "ויסע רבי ישראל בן אליעזר ממעזיבוז ויסע ויבא עד לבוב אצל מרן בעל פני יהושע וידברו שניהם וכו'", - און דער אפטא רב האט צוגעלייגט אויף זיך אליין, אז עס וועט אויך שטיין - "ויסע אברהם יהושע העשיל מאפטא ויחן במעזיבוז", און פון די מעשיות וועט מען זיך אויך קענען אויסלערנען כל התורה כולה אבער די עצם גוף התורה וועט בלייבן די זעלבע.

הרה"ק מדזיקוב זי"ע האט עס פארענטפערט אביסל ענליך, אז עס איז דא אסאך פסוקים אין די תורה וואס מען פארשטייט נישט פארוואס עס דארף שטיין, אבער לעתיד לבוא וועט אלעס נתברר ווערן, און מען וועט פארשטיין וואס די פסוק וויל זאגן, און נאכדעם האט ער צוגעלייגט אז אין די תורה גייט אויך שטיין "ויסע הרבי ר' מענדיל מפריסטיק לרימאנוב" און פון דאס גייט מען ארויס לערנען אסאך זאכן.

אויך דער הייליגע ראפשיצער רב זי"ע האט געזאגט אז פונקט ווי אין די תורה שטייט די מסעות וואס די אידן זענען דורך געגאנגען אין מדבר, אזוי אויך גייט לעתיד לבוא שטיין אין די תורה וואס עס גייט דעמאלטס נתגלה ווערן, עס וועט שטיין אלע מסעות וואס די אידן זענען דורכגעגאנגען פון די שפעטערע גליות'ן, ווי גירוש שפאניע, וכדומה, און ראפשיצער רב האט צוגעלייגט אז דארט גייט אויך שטיין די מסעות פון צדיקים למשל "ויסעו הרבי ר' מענדיל מפריסטיק לרימנוב".

הרה"ק ר' דוד מ'לעלוב זי"ע האט געזאגט אז פונקט ווי משה רבינו האט אראפגעשריבן אלע מסעות פון די אידן און פון דעם איז געווארן די תורה, די זעלבע זאך היינטיגע צייטן, שרייבט אליהו הנביא אלע מסעות און מיטמאכענישן פון די אידן, און ווען משיח וועט קומען וועט דאס זיין א ספר וואס מען

המשך בע' יא



# הרה"ק רבי אלעזר מ'ליזענסק זי"ע

**דעם קומענדיגן מאנטאג | כ"ח תמוז | געפאלט אויס די יומא דהילולא | קדישא פונעם הייליגן רבי אלעזר בן הרה"ק רבי ר' אלימלך מליזענסק זיעועכי"א והצדיקת שפרינצא ע"ה.**

# באור הילולא

תולדות וסיפורים מצדיקים שיהדה"ל חל בשבוע הבעל"ט

## ואלה מתולדותיו

רבי אלעזר איז געבוירן געווארן אין די שטאט שינאווא בשנת תק"ב צו זיינע עלטערן, דער הייליגער רבי ר' אלימלך און צו זיין מוטער הרבנית הצדיקת מרת שפרינצא ע"ה, וועלכע האבן אים א נאמען געגעבן נאכן גרויסן פעטער הרה"ק רבי אלעזר רוקח זצ"ל.

פונעם יונגווייז אן האט שוין דער הייליגער רבי ר' אלימלך געהאלטן א שטענדיגן עינא פקיחא אויפן יונגן אלעזר, צו לערנען און זיך האלטן בקדושה וטהרה, במשך זיינע קינדערישע יארן האט זיך נישט אנגעזעהן אויף ר' אלעזר קיין ספעציעלע גדלות להשי"ת.

אינעם טאג פון כ"ח תמוז תקס"ו האט דער הייליגער צדיק רבי אלעזר צוריקגעגעבן זיין לויטערע ריינע אויסגעארבעטע נשמה לבורא יתב"ש, און ער איז געקומען לקבורה נעבן אביו הגדול באוהל הקדוש אין ליזענסק.

## סיפורים ועובדות

### - קור"ת רו"ח ראטעוועט פונעם דין תורה-

עס ווערט דערציילט, אז אין בית דין של מעלה האט מען געוואלט דן זיין הרה"ק רבי אלעזר פארוואס ער האט געלאזט במשך הזמן מען זאל אים רופן רבי. און דאס בית דין האָט שוקל געווען וואָס אים צו פסק'נען.

אינמיטן איז געקומען א פרוי און געווארפן דארט א גרויסע שטיק קלאץ, צולייגנדיג אז פאר דעם אליין איז ער שוין ראוי מען זאל אים רופן רבי, און דורך דעם איז ער טאקע ארויס זכאי.

די מעשה איז געווען ווי פאלגענד: ביי יענע פרוי איז פארברענט געווארן איר גאנצער פארמעגן, אריינגערעכנט איר שטוב און דאָס גאנצע געלט, און די שטאט מענטשן האבן אלס רחמנות איר געגעבן האלץ זי זאל זיך קענען בויען א פרישן הויז. אזוי ווי זי האט אבער נישט געהאט קיין געלט צו באצאלן פאר א וואגן וואס זאל פירן דאס האלץ צום פלאץ וואו מען האָט געדארפט, זענען די העלצער געבליבן א לאנגע צייט ליגן אויפ'ן זעלבן פלאץ, און די פרוי איז אזוי געשטאנען אן קיין דאך איבערן קאפ.

ווען הרה"ק רבי אלעזר מליזענסק זי"ע איז דערפון געוואויר געווארן איז ער יעדע נאכט

# לוח היארצייטן



יארצייטן פון רבותינו הק' ואנשי שלומינו וואס געפאלט אין די קומענדיגע וואך

## זכר צדיקים לברכה

| | | |
|---|---|---|
| כ"ח תמוז | הרה"ק רבי צבי אביגדור בן רבי אברהם אביש זצ"ל<br>ר' הערש נאפקער | תרס"ב |
| כ"ח תמוז | הרה"ק רבי אלעזר בן הרבי רבי אלימלך זי"ע - מ'ליזענסק | תקס"ו |
| כ"ח תמוז | הרה"ק רבי משה בן רבי צבי זי"ע - מ'אוהעל - ישמח משה | תר"א |
| כ"ט תמוז | הרה"ק רבי שלמה בן רבי יצחק זי"ע - רש"י הקדוש | ד' תתס"ה |

## זכר חסידים לברכה

| | | | |
|---|---|---|---|
| כ"ט תמוז | האשה החשובה מרת רבקה בת ר' יעקב ע"ה | תרצ"א | ביה"ח בטאהש אונגארן |
| ג' אב | הבחור החשוב משה ארי' ע"ה בן הרה"ג ר' עקיבא יוסף שליט"א ראבינאוויטש<br>לא הניח אחריו זש"ק | תש"פ | ביה"ח וויזניץ מאנסי |

ווען ס'איז געווען שטאק פינסטער געגאנגען און געשלעפט אויפ'ן אקסל א בינטל האלץ, איינע נאך די אנדערע, און עס אראפגעלייגט דארט וואו מען האט געדארפט. יענע פרוי איז געווען אַ תמימות'דיגע און נישט פאַרשטאנען פשט פון דעם וואס זי זעט יעדן צופרי ווי ס'קומען צו נאך און נאך העלצער.

ווען מען האט געדארפט ברענגען דעם לעצטן באלקן פארן הויז, וואס ס'איז שוין געווען גאר שווער און אוממעגליך פאר הרה"ק רבי אלעזר עס אליין צו שלעפן אויף די פלייצעס, האָט ער געמוזט נעמען מיט זיך אַ שותף לדבר מצוה, און אויסגעקליבן דערויף א יונגערמאן א חסיד, וועמען ער האָט באשוואוירן אז קיינער זאל דערפון נישט געוואויר ווערן, און זיי צוויי האָבן טאקע בשותפות געענדיגט די אַרבעט.

איז דעריבער יעצט געקומען די פרוי צום בית של מעלה מיט א שווערן שטיק האלץ, און ממליץ געווען אז ער האט מיר פארשאפט אזא "קור"ת רו"ח", דורך די שווערע קורות וואָס ער האט געשלעפט, און פאר דעם אליין האט ער געמעגט זיך רופן רבי. און רבי אלעזר איז טאקע ארויס זכאי.

## -דער הייליגער רבי ר' אלימלך באגלייט-

רביה"ק זי"ע אין עבודת עבודה (שיח"ק ח"ג עמוד ש"ז) דערציילט, אז איינמאל נאכן פטירה פונעם הייליגן ר"ר אלימלך איז רבי אלעזר געגאנגען נאך געלט פאר א הכנסת כלה צוועק, און דער הייליגער רבי נפתלי צבי מראפשיץ זי"ע, איז מיטגעפארן צו מחזק זיין און ארויסצוהעלפן.

איין נאכט אנקומענדיג אין א געוויסע שטאט צו איבערשלאפן אין א גאסט הויז, האט ר' נפתלי צבי מראפשיץ געבעטן ר' אלעזר ער זאל געבן א ברכה פארן בעל האכסניא, האט ר' אלעזר זיך אנגערופן זאגענדיג, איך דארף אים נישט בענטשן, נאר מיין טאטע שטייט דא מיט מיר פונעם עולם האמת און בענטשט אים שוין.

ווען דער ראפשיצער רב האט דאס געהערט האט ער זיך אנגערופן אויב אזוי אז דיין הייליגער פאטער באגלייט דיר, דארפסטו מיר נישט אויפן וועג, און ער האט זיך אויסגעדרייט און צוריקגעפארן.

## -מיינע קינדער זענען דאך גערעכט פארוואס זיי ווילן נישט לערנען מיט דיר-

ווען ר' אלעזר און זיין ברידער זענען געווען קליינע קינדער און זיי זענען געזעצן ביי זייער מלמד, האט פאסירט איינמאל אז זיי האבן נישט געוואלט לערנען, איז דער מלמד געגאנגען פארציילן פארן טאטן דער ר"ר אלימלך אז די קינדער ווילן נישט לערנען, האט דער הייליגער ר"ר אלימלך געפרעגט פונעם מלמד: "מיט וועלכע מלמד האסטו געלערנט אלס קינד"? האט דער מלמד געענטפערט א נאמען פון א מלמד וואס איז געווען א ירא ה', האט דער ר"ר אלימלך געפרעגט ווייטער, "און מיט וועלכע מלמד האסטו געלערנט בעפאר דו האסט מיט אים געלערנט"? האט ער דאן אויך געזאגט א נאמען וואס איז אויך געווען א ירא ה'. האט אים דער ר"ר אלימלך דאן איבערגעפרעגט דעם דאזיגן שאלה עטליכע מאל, ביז ער האט מודה געווען, אז ער איז געווען א העלפער אלס קליין קינד פאר עפעס א נישט ערליכע מלמד וועלכער האט זיך נישט געפירט ערליך.

ווען ר"ר אלימלך האט דאס געהערט האט ער זיך אנגערופן מיט א שמייכל, "זענען דאך מיינע קינדער גערעכט פארוואס זיי ווילן נישט לערנען מיט דיר...".

## זרע קודש

פאלגענד איז א ליסטע פון די הייליגע קינדער פון הרה"ק רבי אלעזר מליזענסק זי"א. ווי עס איז געדרוקט אין ספר 'המאורות הגדולים'

א) הרה"ק ר' נפתלי זצ"ל מ'ליזענסק.

ב) הרה"ק ר' מנחם ישכר דוב (מענדל בער) זצ"ל מ'פשעווארסק.

ג) חתנו הרה"ק ר' חיים מאיר יחיאל שפירא זצ"ל אבד"ק מאגלניצא.

ד) חתנו הרה"ק ר' אלימלך געווירצמאן זצ"ל (בן אחותו הרבנית אסתר עטיל ע"ה אשת הרה"ק ר' ישראל עלבוים זצ"ל מ'פריסטיק).

ה) חתנו (בזוו"ש) הרה"ק ר' משה אליקים בריעה האפשטיין זצ"ל מגיד מישרים ב'קאזניץ.

ו) חתנו (בזוו"ר) הרה"ק ר' שמואל זאנוויל בינדיגער זצ"ל מ'בארדיוב.

ז) חתנו הרה"ק ר' אהרן רובין מ'ראפשיץ זצ"ל אדמו"ר ב'רימנוב.

ח) חתנו הרה"ק ר' אלימלך ווייסבלום זצ"ל מ'רימנוב (בן אחיו הצעיר ר' אליעזר ליפא זי"ע בעמח"ס אורח לצדיק)

## זכותו הגדול והקדוש יגן עלינו ועל כל ישראל אמן.

המשך מע' ט

גייט לערנען אין דעם.

*

עס איז אינטערעסאנט צוצוברענגען א מעשה פונעם הייליגע חוזה פון לובלין, וואס מען זעהט דערפון די גרויסקייט און חשיבות עס איז א נסיעה פון א צדיק.

א איד איז אמאל אריין געקומען צום הייליגן חוזה זי"ע, און אים געזאגט, אז ער מיינט אז ער האט געזען אליהו הנביא אין זיין חלום, און ער וויל וויסן צו עס איז טאקע געווען אליהו הנביא, ווייל אין זיין חלום האט ער אים עפעס געפרעגט און אליהו הנביא האט אים געענטפערט, האט אים די חוזה געפרעגט ווי אזוי האט ער אויסגעזעהן אין זיין חלום, - און די חוזה האט צוגעלייגט ברוב ענוותנותו, - וויאזוי ווייס איך ווי אזוי אליהו קוקט אויס, ווייל ווען איך האב זיך אריבערגעצויגן פון לאנצוט קיין לובלין, איז געווארן א רעש אין הימל אז די אייניקל פון הרה"ק ר' יעקב קאפיל מ'ליקאווע זי"ע ציעט זיך אריבער פון איין מדינה צו די צווייטע, דעמאלטס האט אליהו הנביא געוואלט וויסן ווער די אייניקל איז, איז ער געקומען צו מיר, דעמאלטס האב איך אים געזעהן.




## חילוק משינה לפני חצות או לאחריו

ג. הורה להלכה בשם אבוה"ק שהניעור בתחילת הלילה והולך לישן רק אחר חצות, יש מקום להקל במקום הצורך שאין צריך לדקדק ליטול הידים סמוך למיטה [ד] כי לא שייך ענין רוח רעה רק בשינה לפני חצות הלילה ד). וענין זה נוגע לנוסע בדרכים בלילה שלא ישן לכל הפחות לפני חצות הלילה (ב) .

## נטילת ידים כשהיה ער כל הלילה

ד. כשהיה ער כל הלילה לא היה נוטל ידיו כשהגיע זמן עלות השחר ה).

### מעיינות הלוי

**ד)** עי' בב"י ובב"ח (סי' ד). וכתב בשלחן הטהור (סעיף י), אם ניעור כל הלילה, או שישן אחר חצות הלילה, וכן אם ישן ביום אין צריך אלא נטילה מועטת לדברי תורה ואין שם רוח רעה, כי שינה בתחלת הלילה גורם לרוח רעה. ובזר זהב (סק"ה) כתב, כן מוכח מדברי הזוהר (פ' ויגש דף ר"ז ע"א) דרוח רעה אינו אלא בלילה קודם חצות. ובספרו זהר חי (ח"ב עמ' של ע"ב) כתב, מה שכתב בזוהר דמאן דנאים בליליא בערסיה דטעים טעם מותא, היינו חצי ליל הראשונה, שאז דרך לישן בקביעות במטה, אבל אחר חצות כשאדם רוצה לנוח מעט, אז ישן בדרך עראי, כי רוצה לעסוק בתורה, וכל אזהרות שלא לילך ד' אמות כי שורה על ידיו אל נכר, זהו בשינה קבועה קודם חצות לילה, וחצי שעה הוה שינה קבועה, אבל מתנמנם לית לן בה, לכך נקט ערסיה, ע"כ.

וכתב בכף החיים (שם סק"ד) בשם הבן איש חי (ח"א פ' תולדות אות יג), דהא דאסור לילך ד' אמות בלי נטילת ידים, דוקא במי שעבר עליו חצות והוא ישן, אבל מי שקם בחצות ולא עבר עליו חצות בשינה א"צ ליזהר וכו', מכל מקום הטוב והישר הוא דצריך נטילה ג"פ בדילוג. וכן כתב בספר שלחן מלכים (סי' ב) בהלכה למשה (אות י) בשם הצדיק הק' מוה"ר יהושע מטאמשאוו זצ"ל שהרוח רעה שורה דוקא כשישן אחר חצות.

ובספר עבודת הלוים (מנהגי רבינו הסב"ק זי"ע ח"ב עמ' צח אות ד)איתא דכשהלך לישן אחר חצות הלילה לא דקדק בנטילת ידים שחרית.

**ה)** כתב בשו"ע הרב (סי' ד סי"ג), אע"פ שבכל הלילה לא הסיח דעתו משמירת ידיו וכו' מפני שאפשר דשתיקנו חכמים נטילת ידים בכל שחר וכו', לא רצו לחלק בין ישן דנעשה בריה חדשה, ללא ישן כלל, עכ"ל.

כתב בשו"ע (שם סי"ד), השכים קודם עמוד השחר ונטל ידיו יש להסתפק אם צריך ליטול ידיו פעם אחרת כשיאור היום, להעביר רוח רעה השורה על הידים. הגה. ויטלם בלא ברכה. ובמשנה ברורה (ס"ק לד) כתב, ודוקא הישן שיתין נישמי, אבל פחות מזה אין רוח רעה שורה ואפילו בלילה.

ובארצות החיים הוכיח, שאי אפשר לומר שהרוח רעה

### עבודת הלוי

**(ב)** היה רגיל לייעץ לבחורים שלמדו בישיבה והתכוננו לחזור לביתם בנסיעה ארוכה במשך הלילה, שאם יחטפו שינה בדרך וכשיתעוררו הרי אי אפשר ליטול את ידיהם מחוסר מים, לכן יתאמצו שלא לישון קודם חצות, אבל לאחר חצות יש לסמוך על הפוסקים שמקילים לפטור מנטילת ידים מעיקר הדין.

### בארות הלוי

**[ד]** בענין חיוב נטילת ידים אחר השינה, מובא בזוה"ק (מובא בב"ח ריש סי' ד) כי מי שהולך ארבע אמות בלי נטילת ידים שחרית חייב מיתה בידי שמים, כי רוח רעה שורה על ידו.

ורבי אייזיק'ל מקאמארנא זי"ע (שלחן הטהור סי' ד ס"י) הוכיח מדברי הזוהר (ח"א דף רז ע"א) כי זהו רק כאשר ישן קודם חצות הלילה, אבל אחר חצות אין רוח רעה שורה, ואין צריך ליטול ידיו סמוך למטתו, ומותר לילך יותר מארבע אמות ואין צריך ליטול ידיו סמוך למטתו, ומותר לילך יותר מארבע אמות ואחר כך ליטול ידים כדין הישן ביום. ויש לסמוך על דבריו בעת הצורך (שיח"ק ח"ב עמ' רפא).

**[ה]** והנני רגיל לעורר תמיד, שצריכים לשים לב להכין קודם השינה מים בריוות, כדי שיוכלו ליטול את הידים כדין, לכל הפחות ששה פעמים, ושיגיעו

## להכין מים בריוח

**ה. הורה שראוי להכין ליד המטה כלי עם מים בריוח לצורך הנטילה [ה], והנהיג אצל תלמידי הישיבה להכין לנטילת ידים שני כלים עם מים ו).**

## חינוך הקטנים בזה

**ו. היה רגיל בעצמו לרחוץ את ידי צאצאיו הקטנים ז) אחרי שקמו משנתם (ג).**

## זהירות ע"ז בכל מצב

**ז. סיפר שגם בעת המלחמה הנוראה זיכו אותו מן השמים שמצא ערמות ותחבולות איך לזכות בזה את הרבים להכין להם מים [ו] לנטילה בבוקר (ד).**

### מעיינות הלוי

שורה כל הלילה, שא"כ היה אסור ליגע בנקביו כל הלילה אפילו נוטל ידיו, וגם אי אפשר לומר ששורה רק בעלות השחר, שאם כן הקם בלילה לא יוצרך ליטול. ומפלפל שם שאינו חוזר ושורה בעלות השחר, וממליץ טוב על המנהג בימי הסליחות שאין נוטלים שוב בעת עלות השחר. וכן החיד"א בברכי יוסף (שם סק"ח) הביא מגורי האריז"ל שעל פי סוד אין הלילה גורמת שרוח רעה שורה על ידיו, רק השינה, ולדבריהם אין צריך ליטול ידיו כלל אחר עלות השחר, עיי"ש.

ובספר נפש חיה כתב, שנהוג עלמא שלא להקפיד בכך ליטול ידים אם באמצע לימוד התורה ועבודה עלה עלות השחר, אלא משלים עניינו והולך ליטול ידיו.

**ו)** כתב בשו"ע (סי' ד ס"ז), טוב להקפיד בנטילת ידים שחרית בכל הדברים המעכבים בנטילת ידים לסעודה. ובהל' נטילת ידים כתב השו"ע (סי' קנח ס"י) דשיעור הנטילה הוא רביעית לשתי ידיו, ועכ"ז יוסיף ליטול בשפע כדברי רב חסדא דיהבו ליה מלא חפני טיבותא. וכתב בסידור הרב, ויזהר מאוד אפילו לעכב ליטול בסירוגין, כי כן קיבלו חכמי הקבלה שאין רוח הטומאה עוברת לגמרי מכל וכל עד שיטול ג' פעמים בסירוגין, וגם ליטול כל פרק כף היד עד חבורו לקנה הזרוע, כי עד שם הטומאה מתפשטת עד הידים.

ואם אין לו מים רבים כל כך ליטול ידיו ג' פעמים כראוי, נוטל פעם אחת ויברך על נטילת ידים וכו'. 'ומכל מקום צריך שיזהר לשפוך רביעית על שתי ידיו כאחת', מאחר שאינו נוטל ידיו אלא פעם אחת וכו', לפי שכל נטילה הפסולה לסעודה אין לברך עליה בשחר, ע"כ.

וכתב במשנ"ב (סי' קנח ס"ק לז) וז"ל, האחרונים כתבו דלא יפחות מרביעית לכל יד ויד, דבנוטל בפחות, צריך ליזהר בהרבה דברים, ואין הכל בקיאין בהם, עכ"ל.

ובספר קב הישר (פי"ג) החמיר יותר וז"ל, ולכן כל אשר יש לו יראת אלהים בלבבו, ינהג כן וכו', ובידו השמאלית יתן מים על ידו הימנית בתחלה שלש פעמים, 'וכל פעם צריך רביעית מים', ואח"כ 'פעם רביעית' לשטף המים הבאים שעל ידו הימנית, ואח"כ יתן הכלי גם לידו הימנית, ויתן מידו הימנית על ידי השמאלית ג"כ ארבע פעמים, עכ"ל. וכ"כ בכף החיים (שם סק"ח).

**ז)** זה לשון החיד"א במורה באצבע (סי' ב אות כ), ויזהיר לרחוץ ידי הבנים הקטנים כראוי, ולא יטמאו כל אשר יגעו ותשרה הסט"א בכל ח"ו. וכ"כ הפמ"ג (סי' ד), ראוי ליזהר לרחוץ ידי הקטנים בכל בוקר, כי חמירא סכנתא מאיסורא, והעולם אין נזהרים בזה, ואיני יודע למה, עכ"ל.

ובשו"ע הרב (מהדו"ת סי"ב) כתב, דמעיקר הדין נהגו להקל בנגיעת קטנים קודם שהגיעו לחינוך, לפי שגמר ועיקר כניסת נפש הקדושה באדם הוא בי"ג שנים, ותחלת כניסת נפש זו הקדושה היא כשמחויב בחינוך, אולם המחמיר בבנים קטנים מיום המילה ואילך ליטול ידיהם, קדוש יאמר לו.

ובבן איש חי (אות יו"ד) כתב בשם החסד לאברהם, דמנהג זה הוא סגולה טובה לקטנים כדי שיגדלו בטהרה ויהיו גידולי הקדש. ובעצם יש מחמירים גם מדינא, ראה במשמרת שלום (סי' א אות ד) ובשו"ת קרן לדוד (ח"א סי' א).

### עבודת הלוי

**(ג)** כן משמע בספר עבודת הלוים מנהגי הסב"ק זי"ע (ח"ב פ"א ס"ט), שהיה מעיר בעצמו את כל בני ביתו הקטנים עם הגדולים, אף את הנשואים שהתגוררו בחצר קדשו, כל אחד בזמן קימה הנקבע לו, ונהג ליצוק בעצמו את מימי הנטילה על ידיהם.

אצל רבינו זי"ע ראו ג"כ הנהגה זו, ובמיוחד בימי חג הסוכות, שהרבה אורחים היו ישנים בסוכתו, היה מביא להם בעצמו מים ליטול ידיהם.

**(ד)** בעת המלחמה בהיותו שרוי בעינוי תחת ידי הרשעים הדייטשן [-הגרמנים] במחנה בעיר מארגערעטן, וכפו את היהודים לעבוד עבודת פרך, היה מחפש להשתמט עצמו מהם שאינו מסוגל לעבוד העבודה שדרשו, וכך היה לו אז פנאי להסתיר את עצמו להתפלל ולעבוד את עבודתו אף תחת צפרני הרשעים [ראה בעבודת עבודה שיח"ק ח"ב עמ' צ'].

אמנם אחר השתדלויות שונות הצליחו לפעול אצל הרשעים שרבינו יעסוק בשאיבת מים מהמעיין כדי לחלק לכל העובדים שעבדו עבודת פרך, והיה מספר ששמח על זה מאד שבנוסף שזיכו אותו משמים להשקות את הצמאים, ניצל זאת לזכות את ישראל להביא להם מים לנטילת ידים שחרית בהקיצם בבוקר.

וסיפר הרה"ח ר' נתן ווייס ע"ה מסיגעט שבימים המרים ההם, היה רבינו כל לילה יוצא דרך של שעה למעיין כדי לשאוב משם דליים של מים ונטלו על מוט, ונשא שני ספלים גדולים של מים על כתפיו הדלים כדי שיוכלו היהודים ליטול את נטילת שחרית, המשא היה כבד מאוד, בפרט בימים שכמעט לא אכלו ושתו, וראו איך נחבל ונשפך דם מעל כתפיו כתוצאה מהמשא, ועם כל זה החזיק זאת במסירות נפש להביא להם מים לנטילת שחרית.

קרה פעם אחת שהזדמן שם בבוקר אחד, רשע אכזר שהבחין במעשיו של רבינו שמתעסק עם דליי המים, מיד פקד לאחד משליחיו לסגור את מקור המים, אמנם רבינו לא נסוג מכך, ומצא עצה איך להביא להם מים, הלך באישון ליל כשהגוים היו שקועים בשינה, ובתחבולות שונות נכנס לתוך חדר הבוילער (מכונות חימום המים) שם עמד חבית מים, ומשם שאב בשקט דליים מלאים מים, ותיכף סגר הדלת אחריו, וכך המשיך להביא להם ליטול ידיהם בהשכמתם שחרית.

מעשה זה התגלה לימים כאשר הגיע פעם אחת בעל מלאכה לבנין הישיבה לתקן איזה תקלה במערכת המים, לאחר שגמר לתקן, שאלו רבינו מה היתה התקלה, והלה הסביר לרבינו, ואז סיפר לו שיש לו קצת ידיעה במלאכה זו, כי בעת המלחמה עסק אז במכונת הבוילער לשאוב משם מים לצורך נטילת ידים לציבור.

### בארות הלוי

המים על כל כף היד, כי בכלים שנהוג כהיום ליטול בהם הידים, אין בהם די לשיעור מים ליטול כראוי, אלא בצמצום גדול, למחצה לשליש ורביע (דבר"ק ח"א עמ' רכח).

**[ו]** אחר חג השבועות הובילו את אנשי עיר מארגארעטן לאושוויץ, ומצבם של בני הצבא הורע מאוד, הפריעו אותנו מלהתפלל, והוליכו אותנו למקום אחר בעיר, ששם הוצרכנו לעבוד עבודת פרך לבנות מוצאות למים הרעים, כי השונאים הפסיקו את מוצאות המים. שם עמדו בנינים גדולים שנבנו לצורך הצבא, והיו שם חדרים ריקים, וכמה פעמים יכולתי להתפלל שם בסתר. כאשר הלכתי לעבודה, עשיתי עצמי כאילו אין בכחי לעבוד כלום, וחילקתי מים לשאר העובדים שישתו להחיות את נפשם, והכל היה סכנה גדולה, אבל ה' היה אתי. וב"ה שהצלחנו להשיג מאכלים כשרים מבית התבשיל בכל אותו הזמן, ולזכות גם אחרים במאכלים כשר. (שיח"ק ח"ב עמ' צ)..




א טיפערע אריינבליק איבער די רוחניות'דיגע אנטוויקלונגען בישיבה של רבי

## תורה מפואר בכלי מפואר:

### צענדליגע נייע ספרי קודש באנייט בהיכל הישיבה לתועלת התלמידים

אין די לעצטערע וואכן האבן די הנהלת הישיבה אונטערגענומען א געניטע און מאסיווע פראיעקט פון פארגרעסערן און פאררייכערן דעם אוצר הספרים בהיכל הישיבה, מיט'ן צולייגן צענדליגע נייע פראכטפולע ספרי קודש, וואס זענען איינגעקויפט געווארן לתועלת התלמידים.

דער פראיעקט האט אריינגענומען א פולשטענדיגן און גראנדיעזן התחדשות פארן גאנצן חק"ס, ווען מ'האט באנייט די פאליצעס מיט פרישע ספרי חסידות, הלכה, גמרא, ש"ס, און פיל מער, אלעס לתועלת התלמידים, מען זאל ווייטער קענען רואיג און גרינג לערנען מיט א אן אמת'ע הרחבת הדעת.

במשך די לעצטע תקופה זענען די נייע הערליכע ספרים געווארן ספעציעל אויסגעקליבן דורך די געטרייע צוות הישיבה מיט גרויס ישוב הדעת. פאר די קומענדיגע צענדליגע יארן וועט דאס ערמעגליכן פאר די תלמידי הישיבה צו לערנען, הארעווען און מעיין זיין אין די ספרים, און דאס וועט שטארק צוהעלפן און צוגעבן א געוואלדיגע פרישקייט צום כח התורה וחסידות בין כותלי הישיבה.

אין צוגאב צו די נייע ספרים זעלבסט, האט מען ספעציעל אויפגעבויט נייע פראכטפולע ספרים שענק. די פרישע פראיעקט פון די נייע ספרים און שענק, זענען ווי א לעבעדיגע עדות און סימבאל אז צווישן די ווענט פון ישיבה זענען די תלמידים שקוע אינעם ים התלמוד און אינעם עולם החסידות, זייענדיג קונה צענדליגע מקצועות התורה און מסכתות הש"ס, און קאכן זיך אין די ספרי קודש פון אונזערע הייליגע רבי'ס ולמעב"ק, ומפיהם אנו חיים. און זעלבסט פארשטענדליך אז די פרישע ספרים און ספרים שענק ברענגן א געוואלדיגע התעלות בתורה פאר די תלמידי הישיבה.

## • אוצר שלמה פרידמאן •

דעם גראנדיעזן און קאסטבארן פראיעקט איז צושטאנד געקומען, בנדבת לבו פון האי רחום ומוקיר רבנן מוה"ר ישראל הערש פרידמאן הי"ו, וועלכער האט גענומען אויף זיך דעם גאנצן פינאנציאלן חלק פונעם פראיעקט, און מיט זיין ברייטהארציגע שטיצע צו החזקת התורה האט ער ערמעגליכט די געוואלדיגע הרחבת גבולי התורה בהיכל הישיבה.

די פאנטאסטישע נדבה האט דער חשובע נדבן שליט"א געווידמעט לעילוי נשמת זיין אומפארגעסליכן חשוב'ן טאטע, הרה"ח ר' שלמה ב"ר דוד הלוי ז"ל, און דערמיט מנצח געווען דעם נייעם חק"ס מיט'ן נאמען "אוצר שלמה פרידמאן".

די זכות פון די אומצאליגע שעות תורה, עמל התורה, און התמדת התורה, וואס וועט ארויסקומען פון דעם פראיעקט, ווערט אודאי נזקף לזכות הנדבן ומשפחתו החשובה, ער זאל זעהן שפע ברכה והצלחה, נחת דקדושה און רוב שמחות, און קענען ווייטער מרבה זיין פעלים כבירים לאורך ימים ושנים טובות, עד ביאת גואל צדק, ומלכינו בראשינו, במהרה בימינו.

# משאת נפשי

## באריכטן און פארשריט אין די מאסיווע קאמפיין למען מורשת צדיק – די מוסדות הק' בקרית טאהש

לקראת יומא דהילולא רבא ז"ך אב הבעל"ט

# הונדערטער שותפים שליסן זיך אן מיט די נייע זכות "מפתח" – א שותפות מיט'ן הייליגן רבי'ן – זעענדיג בחוש אומבאשרייבליכע וואוקס און שפרונג פון הכנסות




אין די טעג ווערט צוגעענדיגט די שפאגל נייעס "מפתח" פלאטפארמע, וואו שותפים וועלן קענען אויפסיינען און שיקן הזכרות צום הייליגן שותף מרן רבינו הקדוש סיי ווען | פרישע שותפים פון אלע שיכטן און קרייזן כאפן זיך ארויף אויף דעם הייליגן שותפות נעמענדיג דעם צדיק הדורות אלץ שותף קבוע אין די ביזנעס

ווי ברייט באקאנט, איז אינעם פארגאנגענעם יאר געלאזט געווארן אין גאנג א פרישע חידוש'פולע איניציאטיוו, ספעציעל געאייגנט פאר אידן בעלי דעת וואס ווילן זיך אנשליסן מיט א קביעות'דיגן שותפות, צו נעמען דעם הייליגן רבי'ן אלס גלייכער שותף אין די ביזנעס, און דערמיט געניסן פון אלע סארטן בענעפיטן וואס דער הייליגער שותף שטעלט פאר.

דער פראיעקט, גערופן מיטן נאמען "מפתח", איז כשמו כן הוא: א 'שליסל' צו די שערי שמים וואס ברענגט פילע השפעות, אינעם זכות פון שליסן א שותפות מיט רבינו הק' זי"ע אין זיינע הייליגע מוסדות.

דער מהלך וויאזוי "מפתח" ארבעט איז, אז דער גליקליכער שותף נעמט זיך אונטער צו געבן א געוויסן פראצענט - יעדער לויט זיינע השגות - פון אלע פארדינסטן אינעם ביזנעס, ווערידזשעס, אדער א ספעציפישע אינוועסטמענט. דערמיט ווערט מען א פאקטישער שותף מיט'ן הייליגן רבי'ן, דורכן נעמען א גלייכן טייל אינעם פינאנציעלן עול פון משאת נפשו הטהורה די הייליגע מוסדות הק' בקרית טאהש.

נאכדעם וואס דער קאמפיין איז געלאזט געווארן אין גאנג צום ערשטן מאל דעם פארגאנגענעם יאר, האבן זיך קורצליך דערויף שוין אנגעהויבן אנזען שטוינענדע רעזולטאטן. א ריזן צאל קלוגע אידן וואס האבן זיך אנגעשלאסן מיט א "מפתח" שותפות און אראפגעגעבן עטליכע פראצענטן פון זייערע רוחים פאר די מוסדות הק', דערציילן אלע וויאזוי זיי האבן געזען א דראסטישע העכערונג אין זייערע פראפיטן זינט זיי האבן געשלאסן דעם געשעפט.

היי יאר, ווי נאר דער יערליכער קאמפיין האט זיך אנגעהויבן, האט זיך גלייך אנגעזען א באדייטנדער שפרונג אין די צאל שותפים וואס ווילן זיך מיטכאפן מיטן באן און נעמען אויף זיך א "מפתח" זכות. דאס קומט נאכדעם וואס זיי האבן געהערט פון זייערע באקאנטע, גוטע פריינט, קאלעגעס, אדער אנדערע סוקסעספולע ביזנעס אייגנטימער, איבער די שטוינענדע הצלחה וואס זיי האבן געזען אין זייערע געשעפטן נאכן זיך אנשליסן אין א שותפות.

דער חידוש היי-יאר איז פילפאכיג, ווען עס שליסן זיך אן אידן פון אלע סארטן און יארגענג. נישט בלויז ביזנעס לייט און בעלי בתים, נאר אפילו ארבייטער און בני תורה, באגרייפן אלע די זכות עצום צו נעמען דעם הייליגן רבי'ן אלס שותף, אויף די הכנסות אדער אפילו בלויז איין געוויסע הכנסה. וויסנדיג אז שותפים טראגן אן אחריות, און ווען מען האט סיי וועלכע פראבלעם, וועט דער שותף פון אויבן נישט רוען, נאר זיכער מאכן אז זיין שותף איז מסודר עצהיו"ט, אז די רווחים זאלן ווייטער אנגיין.

כדי נאכצוקומען דעם גרויסן פארלאנג און צו פארגרינגערן דעם גאנצן פראצעדור, ווערט אין די טעג אהערגעשטעלט א ספעציעלע "מפתח" פלאטפארמע. דאס איז א גאר פארגעשריטענע און פראקטישע סאפטוועיר פראגראם וואו מען קען גרינגערהייט אויפסעטן אלע טראנזאקציעס און טעכנישע פרטים אויף א גרינגן אופן. וואס וועט שטארק פארלייכטערן פאר די הונדערטער שותפים, צו קענען האלטן חשבון אויף אלע פרטים פון די שותפות, ווי אויך צו קענען סיי ווען אריינשיקן א הזכרה צום הייליגן שותף.

די פלאטפארמע איז אויסגעשטאט מיט צענדליגער אפציעס און וויכטיגע פונקציעס, סיי פאר פריוואטע הכנסות, און עקסטער פאר ביזנעס קאמישאן, כדי צו קענען האלטן חשבון אויף די טראנזאקציעס, און קענען סיי ווען זען וואו מען האלט מיט די חשבון, וויפיל איז שוין ארויס, און וויפיל גייט ארויסגיין.

עקסטער ווערט אהערגעשטעלט א קלארע אינפארמאציע בלעטל, מיט די גענויע אנווייזונגען און דעטאלן וויאזוי די סיסטעם אפערירט, כדי צו פארגרינגערן און פארלייכטערן דעם גאנצן פראצעדור פאר די חשוב'ע שותפים וואס ווילן זיך אנשליסן אין דעם פראיעקט.


בית חינוך לבנות
בנות חוה טאהש
מאנסי יע"א
מרת פרומט קרויס תחי'
וואס איז ברייט באקאנט מיט איר יארן ערפארונג אין חינוך הבנות
צו דינען אלץ מנהלת אין אונטער בית חינוך
אינטערן איפיציכט און צוזאמען ארבעט פון אונטער חשובע רעביצין
הרבנית איידל דינה לאווי תליט"א
845-369-8674 Ext. 2
BNOS CHAVE


בעזהשי"ת
באנו בזה להזכיר
כלל אנשי שלומינו היקרים
ללמוד את דפי הגמרא שנתחלק לכל שנה ושנה
ללמוד ולסיים ש"ס, ביחד עם כלל אנ"ש לפני היומא דהילולא קדישא יום ז"ך לחודש מנחם אב הבעל"ט, לע"נ הטהורה של רבינו הקדוש והטהור זיעועכי"א, לקראת הסיום הש"ס שיערוך כ"ק מרן אדמו"ר עט"ר שליט"א, אצל שלחן הטהור סעודת הילולא קדישא.
סדר הדפים ראה במודעה נפרדת
וכן יכולין לשמוע הכל על קול איחוד טאהש
718.451.8674 עקסט. 86
יהא רעוא מן קדם מרן אבוהון די בשמיא וארעא, שזכותו הגדול והקדוש יגן עלינו, להתברך בכל מילי דמיטב ברוחניות ובגשמיות, רוב תענוג ונחת דקדושה מכל יוצ"ח, ואך טוב וחסד ירדפונו כל ימי חיינו, עדי נזכה לביאת מלכא משיחא, ובא לציון גואל במהרה בימינו ומלכינו בראשינו, אכי"ר.
הנהלת חברה ש"ס
חברה ש"ס
חלוקת לימוד סדר הש"ס
לע"נ הטהורה של רבינו הקדוש מרן משולם פייש בן רבי מרדכי סג"ל זי"ע
לכל עניני סדר הלימוד יכולין לפנות אל:
קול איחוד טאהש
718.451.8674
עקסט. 86


בעזהשי"ת
סימן טוב ומזל טוב יהא לנו ולכל ישראל
מזלא טבא וגדיא יאה
ברגשי גיל וחדוה שהשמחה בארמונינו נביע ברכת מזלא טבא וגדיא יאה, מעומקא דליבא באותות אהבה וחבה, מיטב ברכותינו המאליפות, אל כבוד האי גברא רבא ויקירא, עומד כנס בהרבצת התורה, כשלמה עוטה אורה, אשר נוטע בנו אהבת תורה ויראת שמים, ועל לבו נושא כל צרכי התלמידים, מזהב ומפנינים יקרים,
ה"ה הרה"ג
אלחנן חיים כ"ץ
שליט"א - מגי"ש בישיבתינו הק'
לרגל הולדת בתו
מקידות לבנו, קח נא את ברכותינו, היוצאים באהבה רבה מקרב נפשינו, ברוב טבון וקשוט זכות עוצם מעשיך, ילוו את דרכיך, כל ימי חייך, לראות דורות ישרים ומבורכים לה' ולתורה ולא ימושו ממך ברכה המשולשת בתורה, הבית יהי' מלא אורה, עדי נזכה לתשועת ה' בקרוב
וכפינו פרושות כלפי שמיא קדם מרן אבוהון די בשמיא שירווה רוב נחת דקדושה מכל יוצ"ח ויזכה לגדלם ולחנכם לתורה ולעבודה וליראת שמים ע"ד ישראל סבא, ועוד רבות בשנים דשנים ורעננים לדלות לנו מהבאר מים חיים, ע"ד עבוד"ת עבוד"ה עדי נזכה לקבל פני משיח צדקינו ומלכינו כ"ק מרן רבינו שליט"א בראשינו בב"א.
המברכים: תלמידי הישיבה
צוות הנהלת הישיבה רמ"י ומגי"ש:
שמעון יחיאל ראטה-מנהל
אלימלך סג"ל לאווען, יעקב סג"ל קרויס, יונה פישער מו"ץ, זאב ראזענבוים חדב"ן, לייב קופטשיק, יצחק נייהויזער, נחמן כהנא חדב"ן, מרדכי הערשקאוויטש, יהושע ניימאן, שניאור זלמן רובינשטיין, לייב קופטשיק (מאירוביץ), אלי קרויס, יחזקאל הערשקאוויטש,
גם אני מצטרף: משה יצחק הערשקאוויטש


בעזהשי"ת
קהל אור החיים ד'טאהש
קרית טאהש
יע"א
וירשראשי חדשיכם
הננו בזה להודיע לכל אנשי שלומינו החשובים שיחיו אשר
כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א
יערוך בעזהשי"ת
שלחן הטהור
סעודת ראש חודש
ביום רביעי פר' דברים
ראש חודש מנחם אב הבעל"ט
בשעה 7:15 אחצ"ה
בביהמ"ד הגדול
בכבוד רב
הנהלת הקהלה


וויכטיגע מעלדונג
די אלע וועלכע ווילן רעזערווירן
אש"ל
בכניני הישיבות
אין די טעג פון די
יומא דהילולא קדישא
פאר א מינימאלע $20 אפצאל
זאלן זיך מעלדן ביטע ווי פריער
514-582-6380
= נעמט אין אכט: =
די פלעצער אין אש"ל זענען זייער באגרעניצט, זיך צו פארזיכערן א בעט, ביטע רופט אריין אין די ערשטע געלעגנהייט
וכל הקודם זכה, והזריז נשכר!!


סימן טוב ומזל טוב
ברגשי גיל חדוה ששון ושמחה הננו מברכים את ברכותינו החמות והלבביות, אל מול פני מעלת כבוד ידידינו וידיד כל בית ישראל המפואר והנעלה, מפורסם בשערה, לשם ולתפארה, במעשיו הכבירים, שמו מפוארים, יפה פרי תואר, נחמד למטה ואהוב למעלה, לב טוב בנעימה, בפנים מסבירה, לכל מאירה, זכה לעמוד לימין קדשו של כ"ק מרן רבינו הקדוש זי"ע רבות בשנים, ועומד לימין קדשו של כ"ק מרן רבינו עט"ר שליט"א בעוז ותעצומות, פאר מקדושים אראלים ותרשישים, כש"ת
הרב יוסף מאיר הערשקאוויטש שליט"א
מנאמני בית כ"ק מרן רבינו עט"ר שליט"א
מנהל בית חינוך לבנות "בית צירל"
לרגל שמחתו הגדולה
בהולדת הבן
למזל טוב ובשעה טובה ומוצלחת
והברכת אחת היא לכבוד חותנו החשוב, האי איש המעש ורב הפעלים
מוה"ר נחמי' צבי שווארטץ הי"ו
ויהי רצון מלפני אבינו שבשמים שתרווה רב נחת ותענוג דקדושה ממנה ומכל יוצ"ח היקרים, עושר ואושר הרחבת הדעת דקדושה וכל טוב סלה, ואך טוב וחסד ירדפוך כל ימי חייך, ויזכה להמשיך משמרתו הקדושה לאורך ימים ושנים טובים, וברכתו הטהורה של מרן רבינו הקדוש זי"ע ילווה אותך כל ימי חייך, עדי נזכה שיוליכינו כ"ק מרן רבינו שליט"א באנפין נהירין ובבריות גופא ונהורא מעליא לקראת משיח בן דוד במהרה בימינו אמן ואמן.
המשמשים בקודש בבית כ"ק מרן רבינו שליט"א
המברכים בלב ובנפש וחותמים שמם בהוקרה אהבה ושמחה
יעקב זוסמאן סופר - יעקב יוסף כהנא
ראובן מנחם שווארץ - משה סג"ל ראטמאן
יואל אלחנן פאפלאנאש - אהרן מיכאל גבריאל סג"ל קרויס
יצחק נחום האמבורגער - אליעזר הערש פישער
יעקב אלימלך קליין


T·MEDICAL
Centre Medicale de Tosh
ותנו ידידים זמירות
צבי אלימלך עסטרייכער


בסייעתא דשמיא
מצמיח ישועות
ישועות דורך די תהלים זאגען פון די תלמוד תורה קינדערלעך יעדע ערב ראש חודש אצל ציון הקדוש של רביהקוה"ט זצוק"ל
#4
פטור געווארן פון א טענענט - באשטעטיגט געווארן פאר רעגירונגס פראגראמען
א יונגערמאן דערציילט זיין אומגלויבליכע געשיכטע:
עס איז געווען שוין א לענגערע תקופה וואס איך האב שטארק געליטן פון א גוי'אישן טענענט וואס האט געוואוינט אין מיין הויז אין מאנטיסעלאו, ווען פאר איבער א יאר צייט האט ער נישט געצאלט קיין איין פרוטה רענט! דער טענענט האט אויסגענוצט די שטרענגע לאקאלע רעגולאציס, אויף א וועג אז איך זאל אים נישט קענען ארויסווארפן פון די דירה אפילו אויב ער באצאלט נישט קיין רענט.
עקסטער האב איך מיר שטארק געמוטשעט באשטעטיגט צו ווערן אויף געוויסע רעגירונגס-פראגראמען, עס איז פשוט נישט געגאנגען.
זייענדיג גאר פארצווייפלט, האב איך זיך פארבינדן מיט "פועל ישועות" און געגעבן א שיינע נדבה, צוזאגנדיג דערביי אז אויב וועל איך געהאלפן ווערן מיטביידע ענינים נאך אינעם ערשטן חודש, וועל איך בלי נדר נאכדעם זיך אויפסיינען מיט א הערליכע נתינה יעדע חודש.
צוריק צו די געשיכטע מיטן טענענט: עס איז אנגעקומען צו א געוויסן פונקט ווען דער טענענט איז מיר שוין געווען שולדיג אזויפיל ווי צוואנציג טויזנט דאלער! מיט אלע מיני טאקטיקן און דריידלעך וואס ער האט זיך ארויסגעדרייט.
איין שיינעם טאג האב איך גענומען מוט און אים גערופן אז אויב באצאלט ער נישט זאפארט די גאנצע חוב, וועל איך רופן די פאליציי אים ארויסצואווארפן פונעם דירה. כ'האב געוואוסט אז צופיל וועט עס נישט אויפטוען, אבער דאך האב איך פראבירט. ווי געוועהנליך איז זיין אנטווארט געווען אז ער דארף בלויז נאך צוויי וואכן, און דאן וועט ער אלעס באצאלן... כ'האב אים נישט געגלייבט, אבער וואס דען קען מען טוען?
צוויי טעג איידער די צוויי וואכן זענען געקומען צו אן ענדע, האב איך פלוצלינג ערהאלטן א נאטיץ פון די באנק, אז דער טענענט האט נארוואס אריינגעשיקט דעם גאנצן סכום וואס ער איז מיר געווען שולדיג!
די מעשה איז אבער נאכנישט פארטיג...
עטליכע טעג דערויף, נאך אינעם ערשטן חודש זינט איך האב זיך אויפגעסיינט ביי "פועל ישועות", האב איך געעפנט מיין פאסט-קעסטל, און יא! אינעווייניג איז געלעגן א בריוו פון די רעגירונג אז זיי האבן מיר באשטעטיגט צו קענען געניסן פון די פראגראמען וואס איך פרוביר שוין אזוי לאנג צו באקומען!
עס איז איבריג צו זאגן אז דער ערשטער טעלעפאן קאל דערויף איז געווען צו "פועל ישועות", וואו איך האב תיכף אויסגעפירט מיין צוזאג און זיך אויפגעסיינט מיט א שיינע סכום.
אידן פארציילן אפענע ישועות. מיטן נעמען א שותפות אין פועל ישועות קענט איר אויך פארציילן אייערס!
שליסט אייך אן!
האנדלט זיך איין דעם אומשאצבארע זכות און שטיצט דעם רבינ'ס הייליגע ירושה
845.402.TOSH
8674
TOSH16BH@GMAIL.COM
$100 לחודש
$54 לחודש
$36 לחודש

# במקהלות

נייעס, באריכטן
און אנטוויקלונגען,
אינערהאלב
**קהילותינו ומוסדותינו הקדושים**
צווישן מקהלת אנשי
שלומינו ברחבי תבל

קהל אור החיים - פק"ק טאהש תע"א

## הכנות ווערן געמאכט לקראת דיעם בעפארשטייענדע יארצייט ז"ך אב הבעל"ט

מיט א הכנה דרבה און רגש אש קודש גרייטן זיך אנשי שלומינו די בכל אתר ואתר און כלל ישראל מכל מקומות מושבותיהם, צום גרויסן טאג הממשמש ובא, יומא דהילולא קדישא פון רבינו הקדוש זי"ע וועלכע געפאלט אויס די קומענדיגע מאנטאג שופטים ז"ך אב הבעל"ט.

אין בעפארגרייטונג צום היי-יעריגן יומא דהילולא, איז דעם פארלאפענע מאנטאג פר' פנחס פארגעקומען א גאר געלונגענע אסיפת העסקנים, ווי עסקני קהילותינו הק' זענען געזיצן פאר א לענגערע צייט און אויסגעשמועסט אלע נויטיגע דעטאלן ארום די ימי הילולא קדישא, אנגעהויבן פונעם גרויסן שבת לפני ההילולא - אויף ווען עס ווערט ערווארטעט א גרויסן צאל געסט - און אזוי ווייטער די זמנים און פרטים פון די עלי' לציון לנשים, סעודת הילולא, אמירת תהילם, ליכט, בית החיים, טראנספערטאציע, צדקה, אש"ל מלא, סעודה לאורחים, און פיל מער.

עס איז באשטעטיגט געווארן אז די גרויסארטיגע סעודת הילולא וועט געפראוועט ווערן ליל הילולא קדישא זונטאג שופטים אויפדעמאכט בהיכל ביהמ"ד הגדול, און אויף צומארגנס ביומדהל"ק נאך תפלת שחרית ומסיבת לחיים וועט פארקומען די עלי' לציון הק'.

עס איז וויכטיג צו באטוינען אז אנשי שלומינו זאלן נעמען אין באטראכט, אז זונטאג שופטים פון 10 אינדערפרי ביז 6 נאכמיטאג וועט די ציון הק' זיין מיוחד בלויז פאר נשים, און מענער וועלן בשום אין אופן נישט אריינגעלאזט ווערן אינעם גאנצן שטח הבית החיים אין די אויבנדערמאנטע זמנים. פון זונטאג 7 מיטאג ביז דינסטאג שופטים 10 אינדערפרי וועט די גאנצע בית החיים זיין מיוחד בלויז פאר מענער.

ויה"ר מ'זאל פועל'ן אלעס גוט'ס, מער פונקטליכע פרטים וועלן נאכפאלגן אין די קומענדיגע וואכן.

בית חינוך בנות חוה ד'טאהש - מאנסי:

## ערפארענע און געלונגענע מנהלת תחי' אויפגענומען געווארן פארן נייעם בית חינוך לבנות אין שטאט מאנסי

מיט גרויס פרייד נעמען אויף תלמידי וחסידי טאהש, ובפרט ביי די חשובע עלטערן פון מוסדותינו הקדושים און מאנסי, די פרייליכע בשורה אז אין די יעצטיגע טעג איז אויפגענומען געווארן די "מנהלת" פונעם בית חינוך לבנות בנות חוה טאהש, וואס גרייט זיך בשעה טובה צו עפענעם אירע טויערן שוין באלד נאכן זוממער צום נייעם לערן יאר הבעל"ט.

אלץ מנהלת וועט דינען די באקאנטע חשובע מרת פ. קרויס תחי', וואס וועט מיט אירע לאנגע יארן ערפארונג אין חינוך זייענדיג איינע פון די אויסגערופענע מחנכת אין שטאט מאנסי, וועט זי אצינד שטיין און באדינען דעם ציבור אלץ מנהלת פונעם בית חינוך לבנות בנות חוה, און זיכער מאכן אז די לעכטיגע תלמידות שטייגן און וואקסן בדרך הסלולה לנו פון רבינו הקדוש זי"ע און ווי עס איז ווייטער נמשך דורך בנו חביבו כ"ק מרן רבינו שליט"א.

די גאנצע בית חינוך לבנות "בנות חוה" וועט געפירט ווערן אינטער די אויפזיכט פון אונזער חשובע רעביצין אשת הגה"צ אב"ד דקהילתינו הק' שליט"א, וואס וועט שטיין און שפיץ פונעם בית חינוך לבנות.

עס איז געבליבן צו וואונטשן אז די חשובע מנהלת זאל האבן גרויס הצלחה און איר הייליגע ארבעט און די זכות פון רבינו הקדוש זי"ע זאל איר באגלייטן אויף טריט און שריט.

רעגעסטראציע איז יעצט אפען פאר פרי נורסערי און נורסערי, צו באקומען אן אפליקאציע ביטע רופט אריין אין אפיס פון מוסדותינו אויף 845-369-8674. עקסטענטשן 2.

## זונטאג פר' פנחס

פארנאכטס איז פארגעקומען בביתו נאוה קודש פון רבינו שליט"א די תנאים פון החתן ב"ר משה דוד יאקאבאוויטש הי"ו פון בארא פארק, עב"ג בת מוה"ר שלמה זאב וועזעל הי"ו פון קריתינו הק'. דער רבי האט געליינט תנאים, דערנאך געטרינקן און געוואונטשן לחיים, געטיילט שירים פון די לקח, און אנגעוואונטשן ברכת קדשו פארן חתן און פאר די כלה און פאר די מחותנים ובני משפחה.

## מאנטאג פר' פנחס

ביינאכט האט רבינו שליט"א משמיע געווען דברות קודש דורך א הוק אפ, ביים מעמד "בוקע רקיעים" לחיזוק לימוד ספה"ק אור החיים דורך מכון אור החיים.

## דינסטאג פר' פנחס

אינדערפרי איז פארגעקומען ביי רבינו שליט"א די אפשערן פון בן מו"ה שמואל מאיר מאירוביץ הי"ו. דער רבי האט אפגעשוירן די האר אנגעטן קאפל און ציצית און געבענטשט די קינד, און אנגעוואונטשן ברכת קדשו פאר די עלטערן ובני משפחה.

נאכמיטאג איז פארגעקומען די אפשערן'ס פון בן מוה"ר יעקב אליעזר מערמעלשטיין הי"ו, און פון בן מוה"ר מרדכי הערשקאוויטש הי"ו. דער רבי האט אפגעשוירן די האר אנגעטן קאפל און ציצית און געבענטשט די קינדער, און אנגעוואונטשן ברכת קדשו פאר די עלטערן ובני משפחה.

◆

נאכמיטאג האט דער רבי זיך געשטעלט דאווענען תפילת מנחה אינאיינעם מיט תלמידי מכינה לישיבה אינעם בית המדרש הפרטי פון רביה"ק זי"ע, לכבוד די יארצייט פונעם הייליגן אוה"ח הק' זי"ע, אלץ פרס פאר די תלמידים וועלכע האבן זיך פארהערט אויף גאנץ פרק האיש מקדש פון מס' קידושין ביי הרה"ג ר' יודל שפיטצער שליט"א פון מאנטריאל, נאך מנחה האט דער רבי משמיע געווען דברות קודש און דערנאך פארטיילט א הצטיינות פאר אלע תלמידים.

שפעטער איז דער רבי ארויס צום ציון הקדוש פון רביה"ק זי"ע און אויסגעזאגט גאנץ ספר תהלים בהאי יום נשגב ומסוגל.

דערנאך איז דער רבי ערשינען אין ביהמ"ד הגדול צום שלחן הטהור סעודת הילולא קדישא, עס איז געווען צוגעשטעלט א סעודה פאר כל הקהל הקודש, דער רבי האט געצינדן ליכט און זיך געוואשן צום סעודה.

אויפן אויבן אן האבן באשיינט כ"ק אדמו"ר מ'האדאס שליט"א, כ"ק אדמו"ר מ'ספינקא שליט"א, הגאון הגדול הדומ"ץ שליט"א, בני וחתני רבינו שליט"א, אדמו"ר מ'זוטשקא קאראקאס שליט"א, אדמו"ר מ'ראדאשיץ שליט"א פון קרית יואל. מען האט געזינגען פאסיגע ניגונים, דער רבי האט געוואונטשן לחיים און פארטיילט שיריים, און משמיע געווען דברות קודש.

ברהמ"ז על הכוס האט דער רבי מכבד געווען הרה"ג ר' אברהם שלמה פאפלאנאש שליט"א, שיר המעלות הב' צבי הירש בהר"ר יצחק אייזיק פיש נ"י תלמיד ישיבה גדולה ונכד רביה"ק זי"ע.

## מיטוואך פר' פנחס

רבינו שליט"א האט אפגעשטאט א באזוך ביי די חברה מתמידים "גירסא דינקותא" אין די היכל ביהמ"ד פון תלמוד תורה פאר די עלטערע כיתות פון תלמוד תורה, וואו די קינדער קומען זיך צוזאם מרצונם הטוב יעדע נאכט אין די יעצטיגע לאנגע זומער טעג, דער רבי האט ארומשפאצירט צווישן די תלמידים און געשעפט הויפענעס מיט נחת ווי די קינדער לערנען אזוי פלייסיג און נוצן אויס די צייט ווי עס דארף צו זיין.

◆

ביינאכט איז פארגעקומען די שמחת הוואכנאכט פון נכד רבינו שליט"א, בן הגה"צ רבי יחיאל מיכל ישעי' מאסקאוויטש שליט"א חדב"ן, בהיכל הטישן בביתו נאוה קודש. דער רבי האט זיך געוואשן צום סעודה, און מען האט געזינגען פאסיגע ניגונים.

במשכ'ן סעודה האט דער רבי מכבד געווען כ"ק אדמו"ר

מ׳ספינקא שליט״א צו דערציילן די מעשה וואס מען פירט זיך צו דערציילן ביים וואכנאכט.

דערנאך האט מען אריינגעברענגט די קינד און דער רבי האט געליינט קריאת שמע און המלאך. און די ציבור האט געהאט די געלעגנהייט אריבער צו גיין וואונטשן מזל טוב.

ברהמ״ז על הכוס האט דער רבי מכבד געווען דער אבי הבן הגה״צ רבי יחיאל מיכל ישעי׳ מאסקאוויטש שליט״א חדב״ן.

## דאנערשטאג פר׳ פנחס

אינדערפרי נאכן דאווענען איז פארגעקומען די שמחת הברית מילה בהיכל ביהמ״ד אברכים, רבינו שליט״א איז מכובד געווארן מיט סנדקאות ואמירת הברכות וקריאת השם, ויקרא שמו בישראל משולם פייש.

ביינאכט נאכן אויספאסטן איז פארגעקומען די סעודת הברית מילה בביתו נאוה קודש, מען האט געזינגן פאסיגע ניגונים, און דער רבי האט געוואונטשן לחיים.

יום ליבשה איז מכובד געווארן הרב מרדכי קאהן שליט״א נכד רבינו שליט״א, מוה״ר יצחק נחום האמבורגער הי״ו משב״ק האט געמאכט די מי שברך, רבינו שליט״א האט געבענטשט ברהמ״ז על הכוס, די הרחמן׳ס זענען צוטיילט געווארן צווישן די קינדער פון רבינו שליט״א, האדמו״ר מ׳זוטשקא קאראקאס שליט״א, און דער מוהל מוה״ר מאיר סג״ל קרויס הי״ו.

שפעטער האט דער רבי מקיים געווען מצות שילוח הקן אויף א נעסט פון כשר׳ע טויבן בחצר ביתו נאוה קודש.

## עש״ק פר׳ פנחס

באשמורת הבוקר האט דער רבי אויסגעזאגט גאנץ ספר תהלים בהיכל ביהמ״ד הגדול אינאיינעם מיט תלמידי הישיבה.

## שב״ק פר׳ פנחס

רבינו שליט״א האט געפראוועט דעם שבת באופן פרטי אין אפ-נארט קאנאדא.

## זונטאג פר׳ מטו״מ

דער רבי האט מנחם אבל געווען דורכן טעל. ביי הרה״ח ר׳ חיים סופר הי״ו ומשפחתו וואס איז געזיצן שבעה על פטירת אשתו ע״ה, דער רבי האט געטרייסט און מחזק געווען און ווארעם אנגעוואונטשן ברכת קדשו.





קול איחוד טאהש

צו מנדב
פרנס
השיעורי תורה על
'קול איחוד' לשבוע הבעל"ט
פארבינדט אייך
מיט די מערכת
זכות השיעורי תורה דרבים יעמוד לו ולזרעו להתברך בכל הברכות הכתובה בתורה עד עולם אמן

718.451.8674 | 514.500.8674
0.333.015.0715 | 079.704.0074

קולו בקודש מרביה"ק זי"ע | דברות ושיחות קודש מרבינו שליט"א | דרשות | שיעורים | חבורות
מעמדים | מאורעות | מודעות | שמחות | אינטערוויו'ס | מזון הנפש | עזר לתושבים
מעמבער אפטיילונג | ואטהר ואתקדש | קהילות ומוסדות | פרנסה ביחד | ועוד

די לעצטע געלעגנהייט אריינצושיקן בריוון, מודעות, און מזל טוב'ס פארן גליון, איז:
מיטוואך 12:00 מיטאג

יו"ל ע"י
איחוד תלמידי וחסידי טאהש
פילצאליגע פראיעקטן צו פאראייניגן און סערווירן אנשי שלומינו

P: 718.451.8674 EXT.80 | F: 845.610.8674
11 Van Buren Dr. #205 Monroe N.Y. 10950

גליון באור החיים | להתאחד בחורי אנ"ש | קול איחוד טאהש | חברה ש"ס | מתאחדת בלעטל | טעלעפאון ביכל | פרנסה ביחד